STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00822

# GEKLIBINE LIDER

Israel Jacob Schwartz

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Belle & Murray L. Nathan*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געקליבענע לידער

י. י. שוואַרץ

# געקליבענע לידער

אַרויסגעגעבן פון
אידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד
ניו-יאָרק 1961

*Copyright* 1961 *by*
I. J. SCHWARTZ
New York, N. Y.

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

*Printed in the U.S.A. by*
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

253



געווידמעט

מיינע טייערע

ארטור און איידע

שעכטער

באהבת־נפש

# ל י ט ע

**איך** קום פון די טיפע פאַרפלאָכטענע ליטווישע וועלדער,
וואו ס׳טראָגט זיך ווי טאָג און ווי נאַכט אַ ברוגזדיק רוישן.
וואו ריזיקע סאָסנעס פאַרשטעלן דעם שיין פונעם הימל
און ס׳טריפן מיט פייכטקייט די אוראַלטע דעמבעס און יאָדלעס.
וואו ס׳פלאָנטערן זיך אין אַ מיש־מאַש פאַרגעסענע סטעזשקעס
און לויפן, איין גאָט ווייסט וואוהין, אין דער טונקעלער טיפקייט.
עס הויבן זיך בערגלעך פון פלאַכקייט באַדעקטע מיט ביימער
און ס׳ציען זיך פעלדער מיט יאַגדעס מיט בלויע אין נידער.
וואו בלאָנדזשענדיק שלאָגסטו זיך אָן אָן אַ זומפּ אָן אַ טיפן,
פאַרצויגן מיט שימל מיט גרינעם, מיט ריחות פאַרדומפּטע
פון דעמבענע בלעטער צעפוילטע און וואָרצלען צעווייקטע,
פון פייכטגרינעם מאָך און פרישדופטיקע שוואָמען.
וואוהין ס׳גליטשט זיך זעלטן אַרונטער אַ שטראַל — און פאַרשווינדט באַלד
דערטרינקענדיק זיך אין דער טיפער פאַרצויגענער נאַסקייט.
וואו פּלוצים, אין רעכט מיטן תמוז, דערהערסטו אין שטילקייט
דאָס שרייען פון ראָבן אַרויס פון די קאָרבן פון ביימער.
וואו יעדן פאַרנאַכט, ווען דער וואַלד ווערט אַלץ פינצטערער, כמאַרנער,
צעטראָגן זיך דומפּע, געדיכטע און טיף־שווערע קלאַנגען
פון קלויסטערשע גלאָקן, וואָס הילכן אין וואַלד אָפּ מיט אימה.
און ס׳דוכט זיך, אַזוי ווי אַ גרויסער און פינצטערער פויגל
האָט איבערן וואַלד זיינע פליגל צעשפּרייט און צעפאָכעט.
נאָר ערגעץ אַרום שוועבט אַרום איבער בערג, איבער טאָלן,
די נשמה פון וואַלד און געפינט זיך קיין רו ניט און יאָמערט
מיט טויזנטער שרעקיקע נאַכטיקע קולות און קלאַנגען — — —
איך קום פון די טיפע פאַרפלאָכטענע ליטווישע וועלדער.

# אַ שטורעם אין וואַלד

צוערשט איז אין וואַלד אַלץ אַנטשוויגן געוואָרן:
עס זיינען געשטאַנען פאַרכמאַרעט און פינצטער
דיביימער און טיף און ניט־היימלעך געשוויגן.
נידעריק, גלייך אויף די קעפּ פון די ביימער,
האָבן זיך פעך־שוואַרצע וואָלקנס געגאָסן
און אַלץ האָט געוואַרט אַזוי אָנגעשטרענגט־האָרכיק.
באַלד אָבער האָט זיך דער ווינט אָפּגעריסן:
ס׳האָבן די סאָסנעס צערוישט זיך, צעקלונגען,
ס׳האָבן זיך קוסטעס אין פיבער געשליידערט,
ס׳האָבן זיך אומרואיק פויגלען געוואָרפן — — —
ס׳קומט אָן אַ שטורעם! עס קומט אָן דער שטורעם!

ס׳צינדט זיך דער וואַלד פלוצים אָן אין אַ פייער —
ס׳ווערט אין אַ פלאַם־גרינעם בלענדיקן מבול
פאַרפלייצט דער גרוי־פינצטערער וואַלד און פאַרטרונקען.
שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם גרינלעכן פייער
אויף מיילן און מיילן די בערג און די טאָלן,
ריזיקע ביימער און פינצטערע זומפּן.
אַ רגע — און ס׳האַלט די נאַטור איין איר אָטעם —
באַלד אָבער לאָזט זיך שוין הערן פונווייטן
דער אָנקום פון ווילדן פאַרהאַלטענעם דונער,
קייקלענדיק זיך אַ צערייצטער און בייזער.
הילכן אָפּ מורא׳דיק קלאַנגען און כעאָס,
שיטן אַראָפּ זיך אין פינצטערע טאָלן,
טראָגן אַרויף זיך צוריק מיט אַ רוגזה,
שלאָגן זיך אָפּ אין די קעפּ פון די ביימער,

ווירבלען זיך ווייטער און ברומען צערייצטע — — —
ס׳זיינען די שליחים די ערשטע פון שטורעם!

דער וואַלד ווערט צעטרייסלט ביז זיינע יסודות —
דול און צעטומלט פון אויסברוך פון דונערן.
ס׳יאָגן זיך בלענדיקע, שניידיקע בליצן,
זיג־זאַגן, פלעכטן זיך איינער אין צווייטן.
ס׳גיסן זיך אויסגוסן־וואַסער און פלייצן
פון דעם אויף שטיקער צעריסענעם הימל.
פאַלן אַראָפּ פון די בערג אין די טאָלן,
שטראָמען אַריין אין די שטייאיקע זומפּן.
הויבן זיך אויף מיט אַ רוגזה די זומפּן —
ס׳ווערט זייער גרין־גרויער שימל צעריסן,
גיסן זיך איבער די טאָלן די פלאַכע
און שרעקן די בערגלעך און בערג מיט פאַרפּלייצונג.
ס׳ברעכן זיך צווייגן און שפּיצן פון ביימער,
ס׳קלינגען די סאָסנעס און ברעכן זיך, קראַכן,
ס׳רויכן זיך זייערע שפּיצן דערהיצטע.
ס׳צינדן זיך אָן אין אַ גרין־בלויעם פייער
קעפּ פון די הונדערטער־יאָריקע דעמבעס.
הויבט זיך דער רויט־בלויער פלאַם אויף צום הימל,
שפּיגלט זיך אָפּ אין די גרין־שוואַרצע זומפּן,
פלעכט זיך אַריין אין די וויס־גרינע בליצן . . .

ס׳הילכט און עס ליאַרעמט דעם דונער׳ס געלעכטער —
אומגעצוימט הוליעט דער וואַלדיקער שטורעם!

# אַ חנוכּה־אידיליע

אוןווידער בין איך קינד. אין שטוב איז וואַרעם,
דאָס פֿענצטער איז מיט אײַז־בלומען באַצויגן.
די געלבע ליכטלעך ברענען אויפֿן פֿענצטער
און ס'לויכטן ווי די ליכט מײַן טאַטנס אויגן.

עס ציט זיך הימלעך־אומעטיק אַ ניגון —
אַ סטרונע קלינגט פֿון אַלטע, גרויע צײַטן,
און פֿאָנען פֿלאַטערן און שווערדן בליצן,
אויף פֿערד צעהיצטע שטאָלצע זיגער רײַטן.

אין דרויסן קלינגען גלעקלעך פֿון די שליטן,
און דאָ הייבט אָן דער סאַמאָוואַר צו זינגען,
עס הייבט זיך אויף אַ וואָלקנדל פֿון פּאַרע
און קלאָרע גלעזער נעמען אײדל קלינגען.

די קינדער שפּילן אַ ווינקל דריידל —
עס קומען אָן פֿון גאַס אַ צוויי־דריי שכנים;
עס קרײַזלט זיך דער רויך פֿון פּאַפּיראָסן
און ס'רויטלט זיך דער טיי פֿאַר יעדן אײנעם.

עס קײַטלט זיך אַ שמועס פֿריי און לויפֿיק,
עס בליצט אַ וויץ — און גרויסע יידן לאַכן,
עס גייט אַ שאַך... די מאַמע פּרעגלט לאַטקעס,
סע פֿאַלט אַ חוזק אויף אַ גאַנג אַ שוואַכן.

די שטערנס קנייטשן זיך פאַרטיפט אין שפּילן,
ס׳ברומט איינער אונטער אַ גמרא־ניגון;
דער סאַמאָוואַר הייבט ווידער אָן צו זידן
און שאָטנס וויגן זיך אויף ווענט און וויגן.

אין שטוב איז הייס, אַלץ שווימט אין רויך אין בלויען,
איך שליס די אויגן צו און וואַך אין דרימל.
ס׳איז גוט אַזוי צו ווערן איינגעשלאָפן
ווען האָסט אַ טאַטן און אַ גאָט אין הימל.

# אַ קרעטשמע

אַ פֿאַרוואָרפֿן הויז אויפֿן שליאַך —
ס'לויפֿט אין גאָלדענע זאַמדן אַ וועג.
פֿון דער ווייט גלאַנצט דער נעמאַן אַרויס
מיט זיין גרינעם באַוואַקסענעם ברעג.

ס'גרינט ביים זייט אַ פֿאַרפֿלאָכטענער וואַלד,
פֿעלדער שטרעקן אין ווייטקייט זיך שטיל;
אין דעם וואַסער דעם בלויעם פֿון טייך
קלאַפּט דאָס ראָד פֿון דער הילצערנער מיל.

ס'ליגט אַן אַלטער מאַהילניק ניט ווייט —
אַ פּאָר צלמ'ס געבויגן ביז דר'ערד,
אַ צעפֿאַלענע הילצערנע צאַם,
אין דעם גראָז — אַ געפּענטעט פֿערד.

ביי די פֿענצטער — ראָמאַשקעס און גרינס,
וויגן שטיל זיך אין וויס און אין געל.
אין פֿאַרגייאיקער זון זיצט אַ קינד
אין דער אָפֿענער טיר אויפֿן שוועל.

ס'קומט די עלטערע טאָכטער פֿון טייך
מיטן נאַסן בלאַנד־גאָלדיקן קאָפּ;
אַ פֿאַרברוינטע פֿון זון און פֿון ווינט
פֿלעכט זי, זינגענדיק היימלעך, איר צאָפּ.

און דער זון מיט די ליידיקע קריג
איז נאָר וואָס אָנגעקומען פון שטאָט;
מיטן האַמער אין אייזערנער האַנט
ער פאַרריכט אַ צעבראָכן ראָד.

און די מאַמע — פאַרוויטלט, פאַרטאָן,
מעלקט די קי אין דער אָפענער שטאַל;
אויף איר טיכל דאָס ווייסע פון קאָפּ
פאַלט אַ קרומער פאַרגייאיקער שטראַל.

ס'ציען שאָטנס פון ביימער זיך לאַנג,
ס'שלאָגט אַ ראָזיקער שיין אין אַ שויב;
דורך די שפּאַלטן פון שטרויענעם דאַך
וואָרקעט טרויעריק־צערטלעך אַ טויב.

און דער טאַטע, בלאָנד־גרוילעך זיין באָרד,
זיצט זיך שטיל ביים „עין־יעקב" פאַרטראַכט;
קוקט דורך אַלטע שפּאַקולן אַרויס
אין דעם וואַרעמען זומער־פאַרנאַכט.

# פאַרנאַכט

רויט האָבן סאָסנעס געברענט —
ריזיקע גליאיקע ליכט;
פייכטקייט געווייט האָט פון טאָל,
שאָטנס צעלייגטע געדיכט.

ציט זיך אַ לאַנגע אַליי —
פלעכטן זיך קוסטעס ביים וועג;
סאָסניקע נאָדלעך און מאָך,
פלעקן פון גאָלד אויפן שטעג.

לייכטע זאַנפט־רוישיקע טריט,
ריזיקע שאָטנס ביים זייט —
ערגעץ אַ האַק אָן אַ בוים,
ערגעץ אַן עכאָ פון ווייט.

ריחות פון שוואָמען און זומפּ —
לויכט זיך אַ טרער אין דיין בליק;
עפּעס וואָס זינגט אין דיין האַרץ,
ס׳בעט זיך אַהינצו אַ גליק.

ציטערט קוים מערקבאַר דיין האַנט,
קלאַפּט דאָס האַרץ טיף און באַזאַכט —
ס׳לאָזט אויף דער וועלט זיך אַראָפּ
טרוימיק און דופטיק די נאַכט.

י. י. שוואַרץ

# קינדהייט

קער איך זיך אום צו מיין קינדהייט — הייבט ווידער
אין האַרץ ביי מיר שלאָגן אַ קוואַל פון לידער;
הייבט ווידער מיין הימל מיין גרויער אָן בלויען,
די רויז די פאַרשמאַכטע באַדעקט זיך מיט טויען,
דאָס אויג ווערט מיט פייער און לעבן געצונדן,
מיין טריב געמיט ווערט פאַרשוואונדן!

קינדהייט, מיין קינדהייט! דו ליכטיקער טויער
וואָס פירט צו די וועגן פון אַנגסט און פון טרויער.
אַ גרינער אָאַזיס אין מדבר פון לעבן,
אַ גאָלדן פאָדים אין טרויער־געוועבן —
אַ העלע פרעלודיע מיט ליכטיקע קלאַנגען
אין נאַכט־שוואַרצע לעבנס־געזאַנגען!

# אין וואַלד

(פראַגמענט)

אַזוי ווי אַ בלימל אַ בלויס אינעם פריאיקן פרילינג,
וואָס כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ שמייכל אַנטקעגן דעם זונשטראַל
דעם ערשטן פון פייכטער און קלעפּיקער ערד פון דער לאָנקע,
געוועקט פון די ערשטע געזאַנגען פון פריאיקע פייגל,
געגלעט פון די מילדע און צערטלעכע, וואַרעמע ווינטלעך, —
אַזוי איז דאָס קינד אין פאַרוואָרפענעם ווינקל געוואַקסן.

עס ציען זיך מיילן פון טיפע פאַרוואַקסענע וועלדער
מיט הונדערטער־יאָריקע דעמבעס און אָלכעס און יאָדלעס
וואָס שיצן אַריבער די טיפע פאַרדומפּענע זומפּן,
און זיינען אין נעצן פון ווילדגראָז און קוסטעס פאַרשפּונען;
מיט ריחות מיט האַרבע, אַזוי ווי די פינצטערע שאָטנס
וואָס וואַרפן אין וואַלד אָן אַן אימה אין גרויע פאַרנאַכטן,
ווען ס׳ברענט ניט קיין זון אין דעם וואָלקן־פאַרצויגענעם מערב.

די שפּיצן פוןביימער פאַרפלאָכטענע איינער אין צווייטן,
און אונטן — איין וואָרצל וואַקסט איין אינעם צווייטן, און שניידט זיך
אַריין אין אַ פלאָנטער פון וואָרצלען און גייט דאָרט פאַרלוירן.
די קאָמבלען — די קאָרע די דיקע אין פּיצלעך געשפּאָלטן
פון טויזנטער רעגנס און שנייען און האָגלען און ווינטן —
מיט היילן מיט פינצטערע, טיפע, צעפוילטע פון אַלטקייט,
וואו ס׳האָבן די האָזן אַ היים זיך געמאַכט דאָרט אין טיפקייט.

דערפאַר איז דער מזרח פון וואַלד דאָרטן ליכטיק און פריילעך,
עס שטייען די סאָסנעס די קלאָנגיקע, שלאַנקע און שטרעקן

זיך הויך צונעם הימל מיט זייערע שטאַמען די רויטע,
וואָס טריפן מיט שווערע מיט גאָלדענע טראָפּנס אין זונגלוט,
און גליען אין פּורפּורנעם זונאונטערגאַנג אין אַ ראָזקייט.
זיי בויגן גראַציעזע די שפּיצן, ווען ס׳שויבערט דער ווינט זיי,
און גיסן מיט רעגנס פון פריש־גרינע דופּטיקע נאָדלען;
עס קלעטערן, טענצלען די גאָלדענע וועוורי̇קעס אום דאָרט
און פייגעלעך הילכן און קלינגען און ביימעלעך קריכן
אַרויף אויף די בערג אַזוי היימלעך ווי שטיפערישע קינדער.
ס׳דערלאַנגט אויף דיר פּלוצים אַן אויפבליץ פון טייך־אויג פון בלויעם,
פאַרשפּונען אין נעצן פון זילבערנע, בלענדיקע שטראַלן,
פאַרשאָטנט אַזוי ווי אַן אויג, מיט אַ שוואַרצגרינעם וואַלדבערעם.

פרישקייט פון אורוואַלד און קילקייט פון העל־בלויעם וואַסער!
רייכע, פאַנאַנדערגעוואַקסענע ברעגעס מיט גרינסן
לויכטן זיך אָפּ אין דער בלויקייט און גרינקייט און שפּילן.
לייכטינקע פישערשע שיפלעך, וואָס גלעטן דאָס וואַסער —
אַ כאַטע אַן איינזאַמס, אַ ווייס, מיטן שטרויענעם דעכל,
מיט פענצטערלעך ליכטיקע איינגעטונקט פריילעך אין גרינסן...

# אין אַ ווינטערנאַכט

ברענען די בראָזאָווע שייטלעך אין קאַמין,
שלענגלט זיך, קרויזט זיך דער רויט־בלויער פלאַם;
גליען די בלומען פון אייז אויף די שויבן,
צינדט זיך פון פענצטער די פינצטערע ראַם.

זינגען און קלינגען די קוילן צעגליטע,
לויכטן אין טונקעלן שפיגל זיך אָפּ;
לייגן זיך גאָלדיקרויט פּאַסן אין צימער,
וואַרפט זיך דאָס ליכט אויפן מיידלשן קאָפּ.

ברענען און גליען די אויגן אין פייער,
פינקלען די האָר אין אַ גאָלדענעם שיין;
שפּריצן מיט שטראַלן די זיידענע ברעמען —
פלעכטן זיך שטראַלן אין פונקען אַריין...

חלומ׳ט דאָס צימער אין ליכט און אין שאָטנס —
רייסט זיך אין דרויסן דער שטורמיקער ווינט.
פּאָכעט די נאַכט מיט איר פינצטערן פליגל,
קוקט דורך דעם ווייסן גאַרדין אַריין בלינד.

קלאַפּן צוויי הערצער מעלאָדיש צום ריטעם,
לעבט אַ געפיל אויף אין האַרצן פאַרטראַכט —
דאַנק אייך, איר ליכטער און שאָטנס, אין צימער,
העלער קאַמין אין דער פינצטערער נאַכט!

# אַ רב

אַ שטרענגע געזיכט פון אַ זקן
אַריבער אַ ספר געבויגן;
דער שטערן — אין קנייטשן אין טיפע,
צוויי ליכטיקע, שטראַליקע אויגן.

אַן אַטלאַסנע שוואַרצע קאַפּאָטע
מיט ווייס־גרויע לאָקן באַפּליטערט;
אַן איידעלע האַנט אַ בלייך־ווייסע,
וואָס רעגט זיך ביים שרייבן און ציטערט.

כתב־יד׳ן מיט שאלות און תשובות
מיט שפּיציקע אותיות פאַרשריבן;
די בלעטער — פאַרגעלבט אין די ווינקלען,
פון אַלטקייט צעקנייטשט און צעריבן.

האַלב טונקל, האַלב ליכטיק אין צימער,
עס טיק־טאַקט דער זייגער כסדר —
אַ שטראַל דורך די ווייסע גאַרדינען
טאַפּט העל אין אַנטשוויגענעם חדר.

אָט גלעט ער די באָרד און די פּיאות,
אָט קושט ער די האַנט פון דעם זקן,
אָט גליטשט ער זיך שטיל איבער ספרים
און ציט זיך צוריק, ווי דערשראָקן.

אָט פּלאָנטערט ער ווידער די אותיות,
און צינדט אין די אויגן אָן פונקען —
דער רב לעגט אַוועק שטיל די פעדער
און ווערט אין מחשבות פאַרזונקען.

עס טיק־טאַקט דער זייגער כסדר
אין שטילן האַלב־ליכט און האַלב־טונקל;
און בילד פון דעם ווילנער גאון
קוקט היימלעך אַרונטער פון ווינקל.

י. י. שוואַרץ

# אַ ירושה

איבער מיר האָבן דורות געוויינט:
...„מיין קינד, דו זאָלסט בלייבן אַ ייד.
זאָל דיין טאַטנס ירושה און לייד
אין דיין האַרצן טיף ווערן געהיט.

„כ׳בין מיט גאָלד ניט געוואָרן געשטראָפט,
נאָר מיט גייסט האָט באַשאָנקען מיך גאָט;
איך טראָג דורות און דורות אין האַרץ,
ער פאַרמיידט ניט פון אונדז זיין גענאָד.

„איך בין מיד, איך בין אַלט — דו ביזסט יונג,
גיי פאָרויס, גאָט באַשירעמט מיין קינד;
און דיין זעל זאָל געלייטערט אַרויס
דורך נסיונות פון לעבן און זינד.

„ניט פאַרגעס אונדזער גאַנג איבער וועלט —
זיי אַ ייד״. — ער האָט מער נישט גערעדט.
נאָר זיין בליק האָט געלויכטן, געגליט,
מיט בטחון און שטילן געבעט.

ס׳האָט אין שול דער נר־תמיד געצאַנקט
מיט זיין ציטערדיק־טרויעריק ליכט;
כ׳האָב מיט יראה און אַנגסט זיך געבויגן,
אין פרוכת פאַרהילט מיין געזיכט.

# צעשיידונג

מיר האָבן זיך פון אונדזער אַלטער היים געשיידט —
אַ שטורעמווינט האָט אונדז אַהער פון ווייט פאַרוויט.
ס'האָט איינער וואו אַן אַלטער מאַמען דאָרט געלאָזן
און איינער האָט אַ טאַטנ'ס קבר צווישן גראָזן.

נאָר איטלעך איינעם האָט דאָס האַרץ מיט ווי געדריקט
און איטלעך איינעם האָבן טרערן שטום געשטיקט;
מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, קינדער ביי די זייטן,
אין גאַסן פרעמדע מיט זכרונות פון דערווייטן.

און עמעץ האָט אַהער געבראַכט אַ בינטל ערד,
אַן אַלטן ספר פון זיין זיידנ'ס אויג באַטרערט;
אַ שטילן צער, אַ דורותדיקן אַלטן טרויער,
אַ ווידערקול פון שווערע זיפצן אין זיין אויער.

און אָפּגעריסן, ווי אַ צווייג פון אַלטן בוים,
גענומען האָבן מיר זיך בויען אונדזער נייע היים;
דער אַלטער שטאַם איז דאָרט, דאָס האַרץ פאַרשניטן,
דער גרויסער, ברייטער ים־אוקינוס אינדערמיטן.

און ווי אַ ביימעלע אַ יונגס, וואָס שפּראָצט אַרויס
פון האַרטן, קאַלטן פעלז, אָן מוטער'ס שויס,
וואָס נעמט מיט צווייגלעך מיט פאַר'חלש'טע זיך ציען —
אַזוי איז דאָ געוועזן אונדזער צייט פון בליען.

און יאָרן זיינען זיך געלאָפן. נייע זאַפט
האָט דורכן שפּראָצלינג־בוים געשטראָמט מיט לעבנסזאַפט;
די וואָרצלען האָבן זיך געגראָבן אינדערנידער
און אויפן קאָפּ געקלונגען האָבן נייע לידער.

# אָקטאָבער

לעצטע ליכטיקע פרימאָרגנס פון שטאַרבנדיקן זומער —
ס׳איז שטיל און קלאָר אַרום און שטיל און קלאָר איז אויפן האַרצן.
עס אָטעמט איין די ברוסט דעם פרישן, קילן ריח
פון שוואַרצער ערד, וואָס איז מיט פּערלען־טוי באַשאָטן,
דעם ריח פון פאַרוויאַנעט גראָז און ביימער־פייכטקייט.
עס זינקען דיינע פיס אין קופּער־רויטע, בראָנזן־ברוינע בלעטער,
וואָס שאָרכן, רוישן צו דעם ריטעם פון דיין פוסטראָט,
און קרומע בלאַסע שטראַלן פאַלן אויף די שטילע בלעטער
און פוילע בלעטער ציטערן און פאַלן פון די צווייגן
און פאַלן אויף דיין קאָפּ, אויף דיינע שולטערן, פאַמעלעך.

עס הענגט די זון דאָ ערגעץ־וואו אין וואַלד צווישן ביימער
פאַרדעקט אין מאַטע, ווייסע, נעפּלדיקע וואָלקנס.
און קרומע בלאַסע שטראַלן גלאַנצן אויף די בלעטער,
פאַרוויטלען אַלץ די שפּיצן פון די רויט־געפּלעקטע ביימער,
פאַרראָזיקן די הענגלעך זשוראַווינעס, ווי די קרעלן,
באַשפּריצט מיט טראָפּנס פּערל פון באַגינען־טוי.

לעצטע ליכטיקע פרימאָרגנס פון שטאַרבנדיקן זומער —
ס׳איז שטיל און גוט. ס׳איז גוט צו בלאָנדזשען דאָ אַליין און טראַכטן.
דער ווייטיק אין דיין האַרץ ווערט לויטער, שטיל און דורכזיכטיק,
ווי דער פאַרבלאַסטער שטראַל אויף די פאַרוועלקטע בלעטער.

# אַ ניו־יאָרקער פאַרנאַכט

עס איז שיין די פאַרנאַכטיקע שעה — ס׳ווערט די שטאָט
פון אַ צאַרטן און ראָזיקן גאָלד־שיין פאַרפלייצט.
ס׳ווערט דער גרויער אַספאַלט אויסגעפלאַסטערט אין גאָלד,
איטלעך מיידלשער פּנימ׳ל גלעט דיך און רייצט.

ס׳זינגט די שטאָט גאַר אַן אַנדער, אַן אַנדער געזאַנג —
ס׳ווערט אַנטשוויגן דער אומרו און רויש פון פאַבריק;
אין דער דאָזיקער רגע פאַרנעמט שטיל דיין האַרץ
דאָס רחמנות פון שטאָט און איר אומגליק און גליק.

ס׳קלאַפּט דער פּולס אירער שטילער און מילדער און ווייך,
ווי דער ריטם פון שטילן פאַרטראַכטן געזאַנג;
ס׳ליגט אַ צאַרטקייט און חן אויף געזיכטער צעקנייטשט,
ס׳ווערט געלייטערט דער צער אַזוי שטיל, אַזוי באַנג.

ס׳ווערט דער שרייאיקער יאָמער אַ רגע געשטילט,
און רחמנותדיק־מילד ווערט געצערטלט די לייד;
און דער עלנט דער גרויער הילט איין זיך געטרייסט
אין אַ ווייך און אַ דורכזיכטיק ראָז־בלויע קלייד.

ס׳ברענען, ציטערן שויבן געצונדן אין ליכט,
ס׳צינדן אויגן זיך זוניק און נעבלדיק־ראָז;
גרויע מויערן שמייכלען געוויקלט אין שיין
און מיט פונקען און שטראַלן שלאָגט אָפּ איטלעך גלאָז.

קינדער טאַנצן צום טאַקט פון שאַרמאַנקעס אין גאַס,
און די זויג־קינדער טאַנצן ביי מאַמעס אין שויס.
ס׳גליען אויגלעך און ס׳פלעמלען די בעקלעך פאַרראָזט —
עס איז שיין די פאַרנאַכטיקע שעה — זי איז גרויס!

# אַ בית־עולם אויף טשעטהעם־סקווער

אין האַרץ פון ניו־יאָרק ליגט אַן אַלטער בית־עולם —
עס פאַלט איבער אים ניט קיין טוי און קיין זונשיין,
נאָר מויערן שטייען אַרום אים געשלאָסן
און פאַרנט פאַרצאַמט אים אַן אייזערן גדר.
אַן איינציקער בוים אַ פאַרדאַרטער נאָר וויגט זיך
מיט טרוקענע צווייגן אַריבער די קברים.
דאָרט זינגען ניט פויגלען — נאָר ס׳רעש׳ט און עס ליאַרעמט —
פון אויבן, אויף אייזערנע שטאַלצעס, די הויכבאַן,
און אונטן טראַמווייען מיט גרילץ און געפילדער,
און ס׳ווירבלט דאָס לעבן מיט שטראָמען פון מענטשן.

בין איך צו דער אייזערנער צאַם צוגעפאַלן
און ס׳איז מיך אַ געטלעכע מורא באַפאַלן —
די צייט האָט די אותיות פאַרווישט און צעריבן,
און ס׳איז ניט קיין זכר, קיין שפור ניט פאַרבליבן
פון יענע, וואָס זייערע עלנטע ביינער
פאַרגעסענע ליגן דאָ אונטער די שטיינער,
פאַרהילט און פאַרוויקלט אין קיטלען, טליתים,
און וואַרטן און וואַרטן אויף תחיית־המתים.

עס האָט מיך דער אייביקער צער אָנגענומען —
ס׳איז אַלץ, ווי אין נעפל, געוואָרן פאַרשוואומען.
פון יעדער מצבה וואָס ליגט אין איר דרימל
אַ קול האָט געריסן זיך ביז צונעם הימל.

אין רעש פון דער גאַס, דורך געוויין און יללות
דערוואַכט האָט דער ביטערער, פינצטערער גלות.
געקלאַפּט האָבן ביינער אָן ביינער — סקעלעטן
שטום האָבן געוויינט און געפלוכט און געבעטן.

ווער האָט אייך געטריבן אַהער און פונוואַנען?
זייט איר דאָס פון שפּאַניע די לעצטע מאַראַנען?
איר אייביק־פאַרפלוכטע־געבענטשטע צוזאַמען,
ווער האָט אייך געשטויסן דורך פלאַמען און ים׳ען?
איך זע אייך, די שטאָלצע, מיט אָדלערשע אויגן
אין פלאַמען פון אויטאָ־דאַ־פעען פאַרצויגן.
איך זע אייך אין נאַכט פון כל־נדרי פאַרהוילן
מיט ווייב און מיט קינד אין די פינצטערע הײלן;
איך הער אייער ביטער געוויין און געזאַנגען,
איך הער פון די שווערדן און קייטן די קלאַנגען.

פאַרגעסענע שטייען דאָ אייערע קברים,
די גרויע מצבות אויף זיי אַזוי אָרים.
עס וואַקסט ניט קיין גרעזל, עס בליט ניט קיין בלימל
אין אייביקן ברויזיקן ווילדן געטימל,
און ס׳קומען ניט אייערע אייניקלעך בויגן
זיך טיף צונעם שטיין מיט אַ טרער אין די אויגן.

דער סקווער האָט געווירבלט מיט מחנות פון מענטשן,
די גאַס האָט געשריען, געקאָכט און געליאַרעמט,
פון אָפענעם שענק האָט אַ שכור געזונגען —
און עלנט, אַרויס דורך דעם אייזערנעם גדר
געגרויט האָט דער אַלטער, פאַרוויסטער בית־עולם.

י. י. שוואַרץ

# קינדער

און היינט שיינט אַ ליכטיקע זון העל אַריין אין מיין פענצטער —
עס האָט אין זיין שיינקייט דער פולער דער האַרבסט זיך אַנטפּלעקט;
די גראָזן פון פּאַרק האָט ער פּערעלעך־טרערן געשאָנקען,
די שפּיצן פוןביימער — מיט צונטערדיק קופּער באַדעקט.

אַ רעדל פון לוסטיקע קינדערלעך שפּילן זיך אונטן,
די בעקלעך צעפלאַמט, אין געווירבל פון קינדערשן טאַנץ —
אינמיטן: אַן אָפּגעהאַקט שטאַם פון אַן אור־אַלטער דעמבע,
פון אויבן, דורך צווייגן פון ביימער שלאָגט דורך זיך אַ גלאַנץ.

אַ קינד האָט אַרויפגעכאַפּט זיך אויפן שטאַם פון דער דעמבע —
אין קראַנץ פון בראָנז־גרינלעכע בלעטער באַצירט איז זיין קאָפּ;
אַ צווייג, גרין און רויט אין זיין האַנט, זיינע לאָקן צעפלויגן,
אַ שמייכל פון גליק אין זיין בליק פאַלט פון אויבן אַראָפּ.

אַ האַסטיק געלאַף און געטראַמפּל פון קינדערשע פיסלעך,
אַ קינד האָט אַ גרויענקע וועווערקע פלינק נאָכגעיאָגט —
אַ פּאַטשן פון הענטלעך און ליכטיקער זילבער־געלעכטער:
אין קינדער פון האַרבסט שטראָמט אַ פרילינג אַ נייער און שלאָגט.

# זונטיק איז היינט...

זונטיק איז היינט. אין דער וואָכן
בין איך לאַנג שוין ביי דער אַרבעט;
היינט איז זונטיק — קען מען רוען,
גייט מען אינעם פּאַרק שפּאַצירן.

שטילער זיינען היינט די גאַסן,
שטייען צוגעמאַכט געשעפטן;
די טראַמווייען לויפן שטילער,
גלעקלעך קלינגען עפּעס מילדער.

ס׳לייכט די זון גאָר שענער, העלער,
ס׳זעען אויס די הימלען בלאָער —
און אין האַרצן צינדט אַ פונק זיך,
גאָר אַ ניצוץ פון דער ווייטן.

אויף אַן אָפּגעוועלקטן פּנים
טרעפסטו אָן אַ שטילן שמייכל;
יונגען מיט פאַרשאַרצטע אַרבל
שפּילן באָל מיט גרויס כוונה.

מיידלעך אָנגעטאָן אין ווייסן
פלירטן, חנ׳דלען זיך און לאַכן;
שוואַרצע אויגן, בלויע אויגן,
איינע פאַר דער צווייטער ליבער.

טאַטעס שטופּן קינדער־וועגלעך
אויסגעפּוצט אין בגדי־זונטיק ;
מיט אַ יום־טוב׳דיקן ריח
פון סיגאַרן שמעקט אין לופטן.

אָט גייט מאַן־און־ווייב געאָרעמט,
פּאָרויס גייען אַרטיק קינדער ;
און פון וייטן קלינגען גלאָקן,
גייען איצט געווייס פון קלויסטער.

אויגן מידע לויכטן העלער,
ס׳צאָלט די רו איר לוין פאַר אַרבעט ;
און אין האַרצן צינדט אַ פונק זיך
פון דעם אַלטן ווייטן שבת.

# אַ רעטעניש

וואָס איז באַשערט אונדז אָט דאָ, אין סמבטיון פון לעבן —
קענסטו דעם ענטפער צום דאָזיקן רעטעניש געבן?

וואָס האָט מיין גאָט אונדז באַשטימט און וואָס וועט ער באַווייזן,
קען דען זיין וואָרט אַרויסשפּראָצן פון שטיין און פון אייזן?

— ווען מיר אײנער דעם צווייטן אין טומל פאַרלירן
פרעמדע, אויף וועגן אויף פרעמדע, דאַן וועלן מיר אירן?

איבערן קאָפּ אונדז אַ הימל אַ בלייענער, גרויער,
טיף אינעם האַרצן דער לעצטער דער פינצטערער טרויער.

טויט יעדער פונק און פאַרפראָרן, פאַרקלעמט יעדער אָבר —
ס'ליכטיקט אַ פרעמדע זון העל אויף אַ לעבעדיק קבר.

אָדער, געשען וועט דער נס, און די טרוקענע גלידער
וועלן, באַהויכט פון גאָט'ס וואָרט, זיך צונויפנעמען ווידער?

אויפלויכטן וועלן מיט פייער פאַרלאָשענע אויגן,
אויסגלייכן וועלן זיך רוקנס פון שוואַכקייט געבויגן?

וואָס איז באַשערט אונדז אָט דאָ, אין סמבטיון פון לעבן —
קענסטו דעם ענטפער צום דאָזיקן רעטעניש געבן?

**
*

ס׳וועֶרן ניט קיין שבת־ליכטלעך
אויף דיין טיש געצונדן;
ס׳וועֶרט די גרויע וואָך פון הויז דיר
קיינמאָל ניט פאַרשוואונדן.

ס׳איז דיין טיר אָן אַ מזוזה —
קומען קיין מלאכים;
צו דיין ווייב, דיין אשת־חיל
זינגסטו ניט קיין שבחים.

דיינע קינדער וואַקסן פרעמדע,
אָן אַ פונק פון גלויבן;
זאָגסט מיט זיי ניט „מודה־אני״,
הענטלעך אויפגעהויבן.

און דיין סדר־נאַכט טוט לאַנג שוין
ניט דיין הויז באַצירן;
און דאָס ווייגען פון כל־נדרי
טוט דיין האַרץ ניט רירן.

און דערפאַר, ווען דו וועסט שטאַרבן
וועט קיין מלאך קלאָגן;
און דיין קינד וועט אויף דיין קבר
ניט קיין קדיש זאָגן.

# נאַכט

## א

זינגט די שטילע נאַכט איר ליד,
זינגען אַלע מידע מיט —
אַלע גאַרן רו.
זינגען שטיינער אונטער טריט,
ווערט באַרואיקט דאָס געמיט —
שטילער, הער זיך צו.

זינגט די נאַכט ביינאַכט אין שטאָט
מיט איר רום און מיט איר שפּאָט —
זינגט איר אַלט געזאַנג.
דאָס געזאַנג — נאָך קיינער האָט
ניט פאַרנומען, סיידן גאָט —
ס׳מוז דאָס ליד זיין באַנג.

## ב

ערגעץ פאַלן זיי ווי פּערל
אין דער שטילער נאַכט —
טרערן לויטערע און קלאָרע
אין דער דריטער וואַך.

בלינדע גלאָצן בלינדע פענצטער
אין דער בלינדער גאַס ;
אין דער פינצטער ווערט אַנטשוויגן,
ווערט געשטילט דער האַס.

און די פלוך, די פלוך די בייזע,
פלוכט אַ רגע ניט ;
און רחמנות׳דיקע, ווייכע,
פאַלן ערגעץ טריט.

דאָרטן לויכט זיך נאָך אַ פענצטער,
בלאַס און מיד און באַנג —
זיצט דאָרט עמעץ איבער ביכער ?
איז דאָרט עמעץ קראַנק ?

ווייסט ניט אַלץ און פילסט דאָך אַלץ
אין דער דריטער וואַך.
ערגעץ פאַלן זיי די שטערן
אין דער שטילער נאַכט.

# אָוונט־שיין

**דער לעצטער** אָוונט־שיין פאַלט איצט
אַריין דורך פענצטער און עס בליצט;
און צינדט מיט גאָלד אַ טריבן בליק
און פלאַקערט אויף און ציט צוריק;
און צאַפּלט זיך אויף בלאַסע הענט
און לעגט זיך בלוט־רויט אויף די ווענט,
און פלעכט זיך איין אין זיילן־שטויב
און קומט צוריק צום בלויען שויב.

ס'ווערט שטילער אינעם שאַפּ אַצינד:
דער זאָרגלאָזער געלעכטער שווינדט.
ביי דער — די אַרבעט פאַלט פון האַנט,
האָט בלאַס זיך צוגעשפּאַרט אָן וואַנט;
און איינע בויגט צום טיש זיך מיד
און ברומט היסטעריש אויס אַ ליד.
און איינערס פּנים צוקט און זוקט —
זי האָט צום פענצטער זיך פאַרקוקט.

ס'ווערט טונקעלער אין שאַפּ אַצינד.
אַ מיידל בלאַס, נאָך גאָר אַ קינד,
האָט אויפן קול צעוויינט זיך שווער.
ביי איינער קאָלערט זיך אַ טרער,
ביי איינער — טיפער זינקט דער קאָפּ,
בויגט צו דער אַרבעט זיך אַראָפּ —
און אינעם שאַפּ ווערט שטיל אַצינד,
דער לעצטער אָוונט־שיין פאַרשווינדט.

# אַ מענטש

עך, האָט דער מענטש היינט געגעסן ?
אָנגעשפּאַרט שטייט ער אָן וואַנט —
מאָגער, אין שמאַטעס, זיין קערפּער,
ס׳ציטערט, פאַרפרוירן, זיין האַנט.

ס׳צינדן זיך געל די לאַמטערן,
שלאָגט פון די פענצטער אַ שיין.
ווייכ־ינקע שנייעלעך ווייסע
הילן פאַרבייגייער איין.

ס׳איילן און יאָגן די מענטשן,
גריילצט אויף די רעלסן אַ קאַר;
טרייבט אום די שטאָט און די גאַסן
ליידן און פריידן און צער.

שטייט ער — זיין פּנים פאַרגליווערט,
שניי אויף די שולטערן דיק,
קלאַפּט מיט איין פוס אָן דעם צווייטן,
פרירט, ווי פאַרגלעזערט, זיין בליק.

גלייכגילטיק שטאַרט ער אין לופטן —
ווער קען דערגיין וואָס ער טראַכט ?
עך, האָט דער מענטש היינט געגעסן,
וואו וועט ער שלאָפן די נאַכט ?

# דורך אַ פענצטער

**איך האָב** אייגנס דערזען אין דעם שטאָטישן טומל און רעש,
אויף אַ בילד אויף אַן אייגנס האָט ס׳אויג אויף אַ רגע גערוט;
און ווי איינער באַקומט פון דערווייטנס אַ האַרציקן גרוס
האָט אַזוי מיין האַרץ שנעלער געקלאַפּט און געשלאָגן מיין בלוט.

דורכן פענצטער אַרויס אויף דער שטיינערנער, שטויביקער גאַס
האָבן ליכט פון צוויי מעשענע לייכטער מיט צניעות געשטראַלט;
אויפן טיש האָט געשימערט אַ שניי־ווייסער ט׳שטעך פאַרשפרייט,
ביי דעם טיש, מיט אַ ספר אין האַנט, האָט געבלייכט אַ געשטאַלט.

ס׳רוט אַ ליכט אין די קאַרבן פון גוטן צעקנייטשטן געזיכט,
אויף איר שבת׳דיקן קלייד, אויף דער ווייסער און ציטעריקער האַנט.
שטילע האָבן די ליפּן באַוועגט זיך, פאַמעלעך און שטיל,
און פאַמעלעך און שטיל האָט איר שאָטן געלעבט אויף דער וואַנט.

ס׳האָט אַ פייערל ליכטיק און יונג אין איר אויג אויפגעבליצט
און דאָס בליק האָט צום האַרצן גערעדט אַזוי וואַרעם און נאָנט;
ס׳איז צום אויג צוגעשוואומען אַ וואַרעמע, ליכטיקע טרער —
ס׳איז געווען, ווי כ׳וואָלט פלוצים מיין אייגענער מאַמען דערקאַנט.

י. י. שוואַרץ

# מאָריס ראָזענפעלד אין קלערמאָנט פּאַרק

(1909)

אָנהייב זומער. ס׳שטייט אַ טאָג אַ ליכטיקער, געבענטשטער.
דער פּעלזיקער האַלב־ווילדער קלערמאָנט־פּאַרק
איז אָנגעזאַפּט מיט שיין און בלוי און ציטערט פריידיק.
עס שטראָמט מיט גנאָד פון בוים און גראָז; עס זינגען פייגל,
און פלאַטערלעך פאַרשידנפאַרביקע, ווי לעבעדיקע בלומען,
שימערן אין לופט; עס זשומען געלע בינען,
און קינדער שפּילן, טומלען זיך אין ליכט און שאָטן.

אָ, וואונדערלעכע טעג פון ניינטן יאָר פון דעם יאָרהונדערט!
אַ קוק צוריק — און, דוכט זיך, דורות, גאַנצע דורות זיינען
זינט יענער צייט פאַרשוואונדן. צייט פון גרויסער האָפענונג,
פון אומבאַגרענעצטער פרייהייט און פון אויפגעוועקטע כוחות.
דאָס לעבן האָט געשלאָגן אימפּעטיק, האָט אויפגעריסן
די אַלטע אָפּגעלעבטע שליוזן, דורות־אַלטע דאַמבן;
האָט הפקר׳דיק געפּליצט איבער דעם מאַנהעטן־אינדזל
און ביז צום אָפּגעלעגטן קלערמאָנט זיך דערקייקלט.
און דאָ זיצט איינער אין דעם שאָטן פון אַ בוים, אַ שטילער,
פאַרטראָגן אין אַ קליינעם לעטעריס־תנ״כ׳ל.

שוין צוויי־דריי מאָל ווי איך באַגעגן אים אין קלערמאָנט
אין זעלבער פּאָזע, אויף דער זעלבער באַנק מיטן תנ״כ׳ל —
און כ׳קען זיך איטלעך מאָל פון אים ניט אָפּרייסן.
דאָס פּנים, דוכט זיך, איז באַקאַנט און נאָענט און אייגן —
ווער איז דער מאַן דער דאָזיקער? וואו האָב איך אים געזען?
אָט ציט אַ שמייכל דורך אויף די פאַרפרעסטע ליפּן

מיט לייטזעליקן חן; דאָס פּנים ווערט באַלויכטן,
ווערט פריי און זוניק; די קנייטשן, ווי די שפּיזלען,
וואָס לויפן שטעכיק פון דער נאָז צו יעדע מוילווינקלען —
זיי ווערן אויסגעגלעט. אַ קלאָרע ליכטיקייט,
ווי קלאָר דער טאָג איז אין דעם ליבן קלערמאָנט־פּאַרק,
צעשפּרייט זיך אויף זיין פּנים. נאָר אַ רגע שפּעטער
ווערט ווידער ס׳פּנים אָנגעווייטיקט־ברוגז,
די ליכטיקייט צערינט אין אומרואיקע שאָטנס —
און קלערמאָנט־פּאַרק פאַרלירט אַביסל פון זיין שימער.

און פּלוצים איז אין מוח דאָס דערקענטניש אויפגעגאַנגען —
איז דאָס געקומען דורך אַ צוק פון זיינע פּלייצעס,
פון פּאַך פון זיין נערוועזער האַנט, פון בליאַסק פון גלעזל
פון זיינע ברילן, פונעם איבערמישן פון אַ בלעטל,
צי אפשר פון אַ וואָרט געוואָרפן פון אַ דורכגייער?
און כ׳האָב מיט יעדן חוש דערשפּירט דעם אייגענעם,
דערפילט, אַז דאָס איז ער, דער זינגער פון „מיין יינגעלע"
און פון דעם מאַי דעם יידישן. ס׳איז ראָזענפעלד.

דער אויבערשטער טייל גוף איז אויפן גראָבן שטעקן
אונטערן אָרעם אָנגעלענט; די האַרטע רונדע דוירבי־הוט
ליגט אויף דער באַנק דערנעבן; די האָר — שוין שיטערלעך,
געשפּריצט מיט גרוי; דער שטערן — הויך, מיט טיפע ווינקלען;
דער בלויער אָנצוג איז צעקנייטשט און אָפּגעשאָסן,
דאָס האַלדזטוך — אָפּגעשטאַנען פון דעם האַרטן קאָלנער,
די קעשענעס — געפּראָפּט מיט בינטלעך צייטונגען;
די רעכטע האַנט איבערן שטעקן אויפגעהויבן,
די אויגן — איינגעגראָבן אין דעם לעטעריס־תנ״כ׳ל.

י. י. שוואַרץ

# סוף זומער

אין אָנהייב זיינען זיי געוועזן לויטער, ווייס,
די רונדע שניי־קוגלען וואָס אויפן קוסט —
ווי ס׳זיינען ווייס און רונד די ברוסטן פון דעם מיידל,
וואָס האָט פון זינד נאָך קיינמאָל ניט געוואוסט.

דערנאָך, אין אויגוסט, זיינען זיי געוואָרן ראָז —
די זון האָט הייס געקושט זיי מיט איר ליכט,
ווי עס ראָזיק אין דער ערשטער ליבע־פרייד
דאָס קלאָרע, צאַרטע מיידלשע געזיכט.

און איצטער שטייען זיי אינגאַנצן טונקלברוין
און טרוימען ווייטער נאָך פון ווייס און ראָז;
זיי וויגן שטיל אין שטילן ליכט די ברוינע קעפ
אַראָפּגעלאָזן שווער צום געלן גראָז.

# אַ שטילע פרייד

**אַ שטילע פרייד** ליגט גאָלדיק אויף די פעלדער,
די טעג זיי זיינען אַזוי זוניק־ליכטיק;
פאַרנאַכטן — פורפורנע מיט טיפע הימלען,
די אַלטע פאַרמהייזער אַזוי ציכטיק.

אין גאַרבן גאָלדענע טריקנט זיך די שפע
פון נייע, פרישע, שמעקעדיקע ברויטן;
עס טריקענען אין זון די געלע קירבעס
און שוואַרצע טרויבן קרויזלען זיך אויף פלויטן.

די רויטע ווינטער־עפל אויף דיביימער
זיי לויכטן פריש־פאַרשייט דער זון אַנטקעגן;
און ס׳ציען זיך, פאַרדעקט מיט ברוינע בלעטער,
די אַלטע רויטע גרין־פאַרגראָזטע וועגן.

עס הויכט מיט פרישן ברויט, מיט ווייַן און עפל,
און טרויעריק־היימלעך אַלטע ביימער זשומען;
און ס׳האָבן גאָלדיקע און שטילע פריידן
מיין האַרץ מיין אומעטיקס אַרומגענומען.

י. י. שוואַרץ

# פייזאַזשן

## א

**דער ריח** פון ערד נאָך אַ רעגן
אין נאַכטיקן ברייטן טאָל;
פאַרשפעטיקטע דונערן זעגן
די נאַכט מיט זעגן פון שטאָל.

און גרילן זעגן איינטאָניק
אַריין אין פאַרכישופ׳טן קרייז;
דער היישעריק־בוים טריפט מיט האָניק
און בליצן צוקן גרין־ווייס.

## ב

אין צוק פון בלענדיקע בליצן
ליגט גרייט צעשפרייט דאָס פעלד;
די רויכיקעביימער־שפיצן
אין פאָספאָר־שיין באַהעלט.

באַקאַנטע שטרעקעס שטרעקן
זיך פרעמד און אומבאַקאַנט
אין ווייסע און שוואַרצע פלעקן —
אַ פרעמד פאַנטאַסטיש לאַנד.

אין שוואַרץ־ווייס ליכט פאַרלוירן
ווי צוגעשמידט צו דר׳ערד —
מיט אָנגעשפּיצטע אויערן
שטייט שטיל אַ גרופּע פערד.

אײן פערד אויפן צווייטנס רוקן
זיין האַלדז האַלט אויסגעשטרעקט,
און די גלעזערנע אויגן קוקן
אין שוואַרצן און ווייסן שרעק.

י. י. שוואַרץ

# פון עמוס

## א

**איך בין** קיין נביא ניט און שטאַם ניט פון נביאים —
מיט זונען־אויפגאַנג טרייב איך מיינע שאָף אין פעלד;
און רואיק, שטיל, פאַרטראַכט, אין זונשיין און אין שאָטן
אַזוי ווי ס׳קלאָרע וואַסערפלוס פאַרגייט מיין וועלט.

איך גיי מיר שטיל אַרום מיין פייגנבוים, מיין טייטלבוים,
וואָס הילן איין אין גרינע שאָטנס מיין געצעלט —
נאָר גאָט האָט פון די שאָף אַצינד מיך צוגענומען
און האָט זיין וואָרט צו זאָגן אייך מיך אויסדערוויילט.

## ב

„עס קען דאָס לאַנד זיין וואָרט ניט מער פאַרטראָגן:
ער העצט דאָס שקלאַפן־פאָלק מיט גיפט און האַס;
ער טוט זיי אין די הערצער פונקען שלאָגן
און צינדט די קאַלטע שטיינער אָן אין גאַס.

„און פויסטן שרעקן מאַרמאָרנע פאַלאַצן
און ציינער קריצן, אויגן ברענען ווילד —
אַ רגע נאָך — און ס׳מוז דער צאָרן פלאַצן
און ס׳וועט אין פייער זיין דאָס לאַנד פאַרהילט״.

## ג

... איר, אויף עלפּנביינע בעטן,
וואו איר זינקט ביז שפּעט אין שלאָף;
איר, וואָס רויבט די מי פון צווייטן
און איר לאַכט זיך אויס פון שטראָף;
איר, וואָס קלייבט זיך אויס די בעסטע
פעטסטע לעמער פון די שאָף;
איר, וואָס האָט, ווי דוד, פידלען,
אינסטרומענטן אויסגעטראַכט;
איר, וואָס זויפט פון גאָלד־און־זילבער
רויטן וויין ביז שפּעט אין נאַכט;
מיט דעם בעסטן בשמים־אויל
טוט איר אייער לייב טאָן וואויל;
און אייך קימערט ניט דער בראָך
פון מיין פאָלק, און ניט זיין יאָך —
ס׳קומט דער גרויסער טאָג פון שטראָף,
קומען וועט אויף אייך דער סוף!

## ד

אין דעם טאָג פון מיין גרויזאַמען צאָרן
וועט גיין איטלעכער איינער פאַרלאָרן.
אויב איר וועט אין דער ערד זיך פאַרשטעקן —
וועט פון דאָרטן מיין אויג אייך אַנטפּלעקן;
אויב אויף שפּיצן פון פעלזן אַנטרינען —
וועט אויך דאָרטן מיין האַנט אייך געפינען;

אויב צום גרונד פון די ים׳ען דערלאַנגען —
וועל איך דאָרט אויף אייך אָנשיקן שלאַנגען —
און געטריבן פון שונא אין קייטן
וועל איך שיקן דעם שווערד אייך צו טייטן.

ה

עס וועט קומען אַ טאָג, זאָגט מיין גאָט,
וועט אַ הונגער דער וועלטס האַרץ פאַרקלעמען —
ניט קיין הונגער נאָך ברויט און נאָך וואַסער,
נאָר אַ הונגער גאָט׳ס וואָרט צו פאַרנעמען.

און פון איין ווינקל לאַנד צו דעם צווייטן
וועט דער מענטש מיט אַ שמאַכטיקן זינען
אַרומוואַנדערן זוכן גאָט׳ס וואָרט —
און ער וועט דאָך דאָס וואָרט ניט געפינען.

אין דעם דאָזיקן טאָג, זאָגט מיין גאָט,
וועלן פול זיין מיט זוכער די וועגן —
און קיין איינציקער שטראַל אין דער פינצטער
וועט ניט גליען מיט טרייסט זיי אַנטקעגן.

ו

און דער אַקערער וועט מיט דעם שניטער
זיך טרעפן אין פעלד.
און אַ גרויס און אַ מעכטיק ליד וועט
פאַרקלינגען די וועלט.

און דער קעלטער — די בלוטרויטע טרויבן
גערעטראָטן אין וויין;
און דער שייער — מיט צייטיקע קערנער
וועט אָנגעפילט זיין.

און די בערג וועלן טריפן מיט האָניק
און פליסן אין טאָל;
און די שטעט די פאַרוויסטע — צעבליט זיין
אַזוי ווי אַמאָל!

# דמשק, צור און צידון און לבנון...

**דמשק, צור** און צידון און לבנון —
ווידער זייט איר אויפגעשטאַנען פון תנ״ך ;
די טאַנקען, עראָפּלאַנען און קאַנאָנען
זיי דונערן אויף אייער באַרג און פלאַך.

אַ ציטער נעמט מיך דורך ביי אייער נאָמען
און ס׳פלאַקערט אויף דאָס האַרץ און ברענט ;
עס האָבן פון דער צייט די בייזע שטראָמען
דעם זכר אייערן ניט אָפּווישן געקענט.

אָ, שוועסטער לייבלעכע פון ירושלים —
אויך אייך האָבן געטראַמפּלט האָרד נאָך האָרד ;
די רויבער : אַשור, בבל און מצרים —
ווי ס׳לעבט אין בוך ישעיה׳ס וואָרט.

„דער פעלשער פעלשט, דער רויבער רויבט״ — פון אייביק.
די רויבער פון אַמאָל — און היינט דער הון.
מיר זיינען אַלט, דערפאַרן, זיינען גלויביק :
ניטאָ קיין נייס אונטער דער זון.

ניט אַלעמאָל האָט איר זיך פיין באַנומען,
ווי ס׳האָט באַדאַרפט זיין צווישן פריינט ;
נאָר זאָל זיך צוקלעפּן מיין צונג צום גומען,
אויב איך וועל דאָס דערמאָנען היינט.

היינט שטייט איר ווידער איינגעהילט אין פלאַמען,
ווי אין יחזקאל׳ס צייט, אַמאָל;
מיר שטייען אויך אין טויט־געפאַר צוזאַמען —
זאָל גאָט פאַרנעמען אונדזער קול.

ביי אונדז — וואָס איז אַ טויזנט יאָר — אַ נעכטן!
איז לאַנגער אייביקייט אַ קורצער שפּאַן.
מיר גלויבן אַלץ אין זיג פון דעם גערעכטן —
ס׳איז דין און דיין אויף דער וועלט פאַראַן!

1916

י. י. שוואַרץ

# אין שייער

אין שייער שמעקט — עס קלאַפּט און גיסט זיך ווי אַ רעגן
אַ שטראָם פון האַרטע, לויכטנדיקע קערנער ווייץ;
עס פילן זיך די זעק אָן גאָלדיק ביז די ברעגן
און שטילע אַרבעטן די מענטשן, ווי פאַרבליפּט פון רייץ.

און אין דעם שאָטנדיקן ווינקל פון דעם שייער
שניידט זיך דאָס העלע ליכט פון קלאָרן טאָג אַריין —
און צינדט זיך אויפן ווייץ מיט פּאַסן גאָלדיק פייער
און ציטערט מיט אַ זיכערן און ווייכן שיין.

עס שמעקט מיט פרילינגדיקע פּאַסן ערד און היצן,
מיט זומערדיקע נעכט און רוישנדיקן רעגן;
עס לויכט מיט זון, מיט קלאָרן טוי, מיט בלויע בליצן,
מיט ליכט און שאָטן פון די אַלטע, גרינע וועגן.

# MAMMOTH CAVE

## א

אָ, וואונדערלעכע מאַמאָט-היילן —
דאָס בילד פון טויזנט-און-איין נאַכט;
אין טיפעניש פון טויזנט איילן
אין פינצטערניש אַריינגעטראַכט.
דורך גרויליק-שוואַרצע לאַבירינטן —
געהאַקט אין פעלזיקן גראַניט;
דורך אָפּגרונטן פּאָרויס און הינטן
פאַרהיט דער פירער דיינע טריט.
ניט-היימלעך ברענען די לאַמטערן
און וואַרפן ליכט אויף אַלץ אַרום;
פאַרגליווערט ליגט אין תהום אין שווערן
אַ וועלט אַן איינגעשמידטע שטום.
אַ טויטע וועלט — אַריינגעטראַכט
אין אייביקייט און מיטנגאַכט.

## ב

עס ליגט די מיטנגאַכט און פורעמט
זינט וועלט איז וועלט — און אפשר מער;
די ווענט — פון פעלזנשטיין געטורעמט
אין פלאַסטן דיקע, גראָב און שווער.
דער באַלקן הויך — אַ פעלזנהיטל,
פון אָפּגרונט זעט מען ניט דעם שלונד;

מיר גייען פּאַרזיכטיק אין מיטן
אויף העגנגענדיקן פעלזנגרונט.
עס גיט אַ בליץ דיר אין די אויגן
מיט וואונדער פון די זיבן טעג;
קאָלירן ווי פון רעגנבויגן
זיי האָבן דיר פאַרבלענדט דעם וועג.
אין בויך פון ערד האָט אל־ראַשיד
די אוצרות זיינע אויפגעהיט.

ג

אַ וועלט פון שיינקייט טיף באַהאַלטן
האָט פאַר די אויגן אויפגעבליצט —
באַלעבט אין טויזנטער געשטאַלטן
אין האַרטן אַניקס־שטיין פאַרקריצט.
דער בופלאָקס פון ברייטער פּריירי
פאַרגליווערט אין זיין ווילדן שפרונג;
די אויגן אויסגעשטאַרצט אין מורא
און שטיקער שוים אויף שטאַרקער צונג.
דער אָדלער פון די פעלזנשפּיצן
מיט פליגל מעכטיקע צעשפּרייט;
דער שנאָבל רויבעריש און שפּיציק,
אין שטומען אויסגעשריי פון פרייד.
שערענגעס ענדיקעס אין פלי
צום ווילדן וואַלד אין אָונט־גלי.

## ד

די שפּריצנדיקע וואַסערפאַלן
פאַרגליווערטע אין ווייסן שוים;
ניאַגראַ ליגט אין מאַטע קוואַלן
און פליסט אין נעפּלדיקן רוים.
געשטאַלט פון אינדיאַנער קריגער
רעליעף געפורעמט אין דעם שטיין;
דער קאָפּ באַשטעקט מיט אָדלער־פליגל,
דאָס גאַנצע פּנים — שאַרף און ריין.
געשטאַלט פון רויטהויטיקן מיידל
מיט ראָסנשטאַלץ און ראָסנ׳חן;
אַ רויטע ווענוס, צאַרט און איידל,
מיט לאַכעדיקע, ווייסע ציין.
פון שווערן עלפאַנט דאָס געשטאַלט
און חנ׳עוודיקן הירש אין וואַלד.

## ה

וואָס פאַר סימפּאַניעס פון קאָלירן
עס זינגען פון די שטומע ווענט;
די טענער ציטערן, וויברירן,
געפירט פון גרויסן מייסטער׳ס הענט.
וואָס פאַר געמיש פון ליכט און שאָטן
אין האַרץ פון פעלזנס טיפער טראַכט;
דער שוואַרצער אָניקס איז געראָטן
אין נאַכט פאַרגליווערטער אין נאַכט.

דער ווייסער אַניקס — שניי געפאַלן,
איז בלאַס און דורכזיכטיק און צאַרט;
דער רויטער אַניקס — ווי קאָראַלן,
ווי טראָפּנס בלוט פאַרפרוירן האַרט.
בורשטין־קאָליר — דאָס ליד פון לייב
פון אויפגעוואַכטן יונגן ווייב.

ו

געשניצטע, ראָזיקע קאָלאָנען
מיט בלום און בלאַט און פרוכט באַצירט;
אין גאַנג פון יאָרן מיליאָנען
האָט אַלץ זיך שאַרף און קלאָר פאַרמירט.
דורך יעדע עטלעכע מינוטן
אַ קלאָרער טראָפּן וואַסער פאַלט,
און האָט דעם אַניקס־שטיין דעם גוטן
קאָליר געגעבן און געשטאַלט.
די נאַסע וואַסערפינגער האָבן
אין בויך פון ערד, אין דורכאויס נאַכט,
געטאַפּט, געקלאַפּט און זיך דערגראָבן,
אים בלינדערהייט אַרויסגעבראַכט.
אַרויסגעבראַכט — געבליבן שטיין —
דאָס ווערק — געשליפן שאַרף און ריין.

# תפילות

## א

האָסט ניט צוגעהערט מיין תפילה,
ניט פאַרנומען מיין געוויין —
און מיין הייסע טרער געפאַלן
איז אויף האַרטן, קאַלטן שטיין.

און אין שוואַרצן טאָג פון צאָרן
האָסט דיין פנים אָפּגעווענדט —
כ'האָב אומזיסט צו דיר גערופן,
כ'האָב אומזיסט מיין האַרץ געברענט.

און פאַר זינד פון טאַטעס שטראָפסטו
פּיצלעך עופה'לעך פון ברוסט;
און די קינדישע געמיטער
ווערן פרי פון בלוט געקושט.

פון די יונגע, קלאָרע אויגן
ברענט דער האַס אַרויס און שפּריצט;
אויף די בלאַסע קינדער־ליפּן
ווערט אַ קללה איינגעקריצט.

האָסט ניט צוגעהערט מיין תפילה,
ניט פאַרנומען מיין געוויין —
און מיין הייסע טרער געפאַלן
איז אויף האַרטן, קאַלטן שטיין.

## ב

און וואָס וועסטו ענטפערן, גאָט,
— און וואָס וועסטו זאָגן
ווען קומען אַמאָל וועט דער טאָג,
?די שעה וועט שלאָגן

מיט וואָס וועסטו ענטפערן, גאָט,
פאַר גיהנומ׳ס פון דורות,
וואָס האָבן געגליט און געזידט
.פאַר קיינעמס עבירות

און ווי וועסטו שטילן דעם שטראָם
— פון טרערן די ימ׳ען
דאָס קול פונעם בלוט וואָס שרייט
?אין פייער און פלאַמען

און ווי וועסטו לעשן דעם פלאַם
— פון נקמה אין האַרצן
דעם בליק פונעם קינד וועלכעס ברענט
?מיט פייער מיט שוואַרצן

ווען קומען אַמאָל וועט דער טאָג,
— די שעה וועט שלאָגן
אָ, וואָס וועסטו ענטפערן, גאָט,
?און וואָס וועסטו זאָגן

# מאַטיוון פון תהלים

## א

**דאָס וואַסער** האָט דערזען דיך, גאָט,
דאָס וואַסער האָט דערזען דיך — און פאַרבליפט
איז עס געוואָרן טיף דערשיטערט;
די אָפּגרונטן זיי האָבן זיך פאַרטיפט
און האָבן קרעכצנדיק געציטערט.
די וואָלקנס האָבן וואַסערן געפלאָסן,
און וואַסער האָט אין וואַסער זיך געגאָסן;
דער הימל האָט געדונערט און געצאַנקט
און גרינע בליצן האָבן בייז געבלאַנקט,
באַפּאַכנדיק די וועלט ווי מיט אַ שווערד —
און אויפגעשווידערט האָט די ערד.

אין שטאַרקע ימ'ען איז דיין וועג,
אין טיפע וואַסערן דיין שטעג —
און ס'איז קיין שפור צו דיינע טריט.

## ב

דען דו האָסט, גרויסער גאָט, מיך ניט פאַרשעמט
און האָסט פון מיר זיך ניט דערווייטערט —
דו האָסט מיך אויסגעפּרואווט, מיין גאָט,
און ווי מען לייטערט זילבער מיך געלייטערט.

האָסט אין אַ קלעם מיך איינגעקלעמט,
געלעגט אַ דרוק אויף מיינע לענדן;
און האָסט אויף מיר געטאָן פאַרשווענדן
די פולע אוצרות שפּאָט
און שאַנד.
דערנאָך האָסטו מיך אַנגענומען ביי דער האַנט
און ווי אַ קינד
געפירט דורך וואַסער און דורך פייער און דורך נאַכט —
און האָסט צו שטילע ברעגן מיך געבראַכט
אַצינד.

## ג

ווי אַ אינד וואָס לעכצט נאָך שטראָמען וואַסער —
אַזוי לעכצט מיין נשמה נאָך דיין ליכט.
איך דורשט נאָך דיר, מיין לעבעדיקער גאָט,
ווען וועל איך זוכה זיין צו זען דיין אַנגעזיכט?
עס וויינט און טרויערט נאָר מיין זעל אין מיר,
פון טיפסטער טיפעניש דערמאָן איך מיך אָן דיר.
איין אָפּגרונט רופט צום צווייטן מיט געזאַנג,
די אונטער־שטראָמען ברויזן מיט געדראַנג —
און אַלע כוואַליעס זיינען איבער
מיין קאָפּ דעם עלנטן אַריבער.

ביי טאָג וועט גאָט
מיר שיקן זיין גענאָד;
ביינאַכט וועט מיר זיין ליד מיר טרייסטונג געבן —
אַ שטילע תפילה צו דעם האַר פון לעבן.

# מיטן אָוונט

**אַצינד,** ווען ס׳נעמט מיין טאָג זיך צונעם אָוונט נויגן —
גייט איבער ס׳האַרץ מיט בענקעניש אין שטילער שעה
נאָך דעם וואָס איז געווען און איז שוין מער ניטאָ,
נאָך ווייטער קינדהייט וואָס איז לאַנג פאַרפלויגן;
נאָך יענע זעאונגען פון ריינסטן גאָלד געשפונען,
וואָס האָבן אויפגעשיינט, געשפּילט ווי פערזן פון אַ ליד
אין צאַרטן ציטער; אויפגעבליט און אָפּגעבליט
און ווי די פאַרבן פון אַ זונפאַרגאַנג צערונען.

עס לעבט, געדייט דער ערשטער כישוף אין זכרון,
דער ערשטער רוף פון לעבן, ערשטער ציטערקלאַנג;
ס׳האָט אַלץ זיין ריח און קאָליר און זיין געזאַנג,
ס׳גייט קיין זאַך ניט אין גאַנג פון צייט פאַרלאָרן.
פאַראַן אַ שעה, ווען אַלץ טויכט אויף און קומט צום לעבן:
די וועלט ווערט ווידער יונג, עס טוט דיך אַ פאַרפלייץ
מיט בילד, מיט זעאונג און מיט קלאַנג, מיט ערשטן רייץ,
און טוט מיט טרייסט און רחמים דיך פאַרוועבן.

ווען כ׳שעם זיך ניט — וואָלט איך מיך צו דער מוזע ווענדן:
אָ, מוזע טרייע, ס׳ליגט מיין אַלטע וועלט צעשטערט!
וואו נעמט מען כוחות און וואו נעמט מען מוט, אַז ערד
און הימל האָבן זיך פאַרלעגט אונדז צו פאַרלענדן?
אָ, מוזע יידישע פון איכה און פון תהלים
מיט ווערטער — פייערן געצונדן שוואַרץ אויף ווייס,
מיט וויזיעס — בליצן איינגעשמידט אין אייז,
מיטן צעבראָכן האַרץ וואָס לאָזט זיך קיינמאָל שטילן!

ביסט מיטגעגאַנגען אין דעם לאַנגן וועג פון וואָגל,
געשמאַרצט מיט אונדזער פּיין, געברענט אין אונדזער בראַנד ;
אַרויסגעשלוכצט אונדזער געוויין פון לאַנד צו לאַנד,
געטראָגן טרייסט און טרערן אין די פולע לאָגל.
איז דאָ אַ פּלאַץ, וואו דו האָסט ניט מיט אונדז געטראָטן,
איז דאָ אַן אָרט, וואו דו האָסט ניט מיט אונדז געברענט ?
נאָר אומעטום האָבן געטריפט מיט טרייסט די הענט,
און אומעטום געבראַכט אונדז שוץ און שאָטן.

דו ביסט אַמאָל־אַמאָל פאַרביי מיר דורכגעגאַנגען,
דערזען מיך אַ צעטראָטענעם אין אייגן בלוט —
האָסטו געזאָגט : לעב אין דיין בלוט ! לעב אין דיין בלוט !
און ס׳האָלט דיין שפּרוך זינט דעמאָלט מיך געפאַנגען.
אָ, וואונדערלעכע ! סאַראַ ברכה האָסטו מיר געגעבן —
איך וואַלגער זיך אין בלוט, עס גרייכט שוין ביז צום האַלדז,
עס ברענט די ערד, דער הימל פלאַמט, דאָך לעב איך אַלץ,
פון אַש און חורבן שטיי איך אויף צום לעבן !

# אין עפּלפעלד

צום נאָרד־אַמעריקאַנער האַרבסט — אַ לויב, אַ ליד.
אַ, שענסטע און געבענטשטסטע צייט פון יאָר —
עס שטייען ליכטיק־דורכזיכטיק די טעג און קלאָר
אין וואַרעמען און צאַרטן בלוי. די לאַנדשאַפט גליט
אַ פריידיקע, אַ פולע אין דיין עפּלפעלד.
דער פלאַכער, ברייטער טאָל — אַ גרינער עמעראָלד
וואָס הויכט מיט וואַרעמקייט און שפּריצט מיט גאָלד
און מיניעט זיך אין שאָטן און אין ליכט און קוועלט.

אַ, צייט פון רייפקייט, אויסברוך פון דער פולער קראַפט
וואָס ליגט אין דער קאָמפּאַקטער פרוכט פאַרשפּאַרט —
אין רויטע גלאָבוסן פאַרחתמעט, שטייף און האַרט,
וואָס טוי און זון האָבן אָנגעגאָסן פול מיט זאַפט.
די זייט פון עפּל וואָס אַקעגן זון איז ראָז
און די וואָס אין דעם בלעטערקראַנץ, געווענדט צום שטאַם,
איז בלאַס און איידלגרין. אַ בוים אין פלאַם —
פון ברייטן שירעם זיינעם ביז אין גרינעם גראָז.

די צווייגן בויגן זיך אין אַ געשפּאַנטן בויג —
אין גרויסער לאַסט, אַן עפּל צו אַן עפּל אָנגערייט
אין דיקע, שווערע פלעכטן, לאַנגע עפּלקייט
געשנירלט רויט און גרין, דערפרייט דאָס אויג.
און אויף דער ערד — אין פולן היקף פון דעם בוים,
ליגט אָנגעוואָרפן אינעם גראָז דער עפּלפאַל —
אַ רונדער גליענדיקער טעפּיך, בליץ און שטראַל,
און בוים נאָך בוים, ביז אין דעם ווייטן בלויען רוים.

ס׳איז שטיל און גוט. דאָס זשומען פון אַ שווערער בין
שניידט דורך די שטילקייט, שווימט אַהין־און־קריק;
אַ פליגל־פלאַטער פון אַ פייגל־קליין: פיק־פיק —
דאָס טענצלט אויפן טעפיך, אינעם רויט פון גרין,
אַ פיק אַהער, אַ פיק אַהין. אַ ווייסער רויך
פון קופעס ברענענדיקע בלעטער ציט אין לופט
און מישט צונויף זיך מיטן צאַרטן עפלדופט,
דערטראָגט אַהער זיין שאַרפן, ביטערלעכן הויך.

אָ, נאָרד־אַמעריקאַנער גרויסע, שטאַרקע ערד
אין דער געבענטשטער שפע פון דיין רייכן האַרבסט —
מיט לויב און ליד צו דיר איז אָנגעפילט מיין האַרץ.
גיב גאָט, דיין גרויסע שלווה זאָל ניט זיין פאַרשטערט
אויף אייביק און אויף אייביק. כ׳וועל ניט מיד
דיין שטאַרקע פראַכט צו זינגען, פרוכטבאַרקייט און זעט —
איין תפילה טראָג איך אין מיין האַרצן, איין געבעט,
אַז דיינע עפל זאָלן שמעקן פון מיין ליד.

# אָוונט

ס׳נעמט אָוונטן. דער מערב ברענט אין רויט.
די שפּיצןביימער גליען. ס׳שטייט דער סאָד
פאַרוויקלט איצט אין אָוונטשיין און גנאָד,
איז אומבאַוועגלעך, שטיל. דער מזרח בלויט
אין פרישן טונקלבלוי. דער יונגער מולד — דין,
אַ האַלבע רייף, קלאָר־זילבערדיק, וואָס גליט
אַריינגעשניטן אין אַ שאַרפן, דינעם שניט;
און אונטער אים — אַ שטערנדל אַ גאָלדיק־גרין

וואָס שאָקלט זיך הין־און־צוריק און ווינקט.
די גרויסע שעה פון רחמים און פון בענקשאַפט ציט
איבער דעם עפּלפעלד מיט גוטע, שטילע טריט,
געשלייערט רויט און בלוי. די שטילקייט זינגט
מיט שקיעה און מיט נאַכט אין מידן האַרץ.
דאָס אויג ווערט פייכט, ווי ס׳ווערט דאָס גראָז אויף דר׳ערד,
וואָס פינקלט אין דעם אָוונט־טוי, פאַרטרערט,
אין גוטער שעה פון דעם געבענטשטן הארבסט.

ס׳איז שטיל אויף דער וועראַנדע וואו איך זיץ —
די שטילקייט קלינגט אין אויער אויסגעצויגן, שאַרף,
ווי ס׳קלינגט אַ לאַנגער, באַנגער נאָכציטער פון האַרף;
די זון שטייט הויך אין דרום, אין איר פולן בליץ.
די לאַנדשאַפט גליט. די בערן־בערג אין ווייט
זיי ציטערן אין ווייכע נעפּלען פון פיאָלעט
און שווימען, דוכט זיך, אום אין לופט; דאָס רויזנבעט
ביים אַלטן פאַרמהויז, וואָס ליגט ביים זייט,

וואַרפט קליינע סאַמעטענע־רויטע בלעטלעך אָפּ
און שפּרייט זיי אויפן גראָז. אַ ווינטל גייט
און ווייט מיט הייסן רויזנדופט און ווייט מיט פרייד
איבער דעם מידן און צעפּייניקטן און גרויען קאָפּ
אין אַלטער יוגנט מיינער. ס׳איז מיר טרויעריק
און גוט אין זעלבער צייט; אַ זיסע ביטערקייט
ציט דורכן האַרצן און געביין; אַ גרוס פון צייט
מיט גאָר איר לייד און גאָר איר פרייד און גליק.

**
*

ליב איך די ערד אויף וועלכער איך טרעט —
פריש איז די ערד דאָ און פרוכטבאַר און פעט,
מיידלשע ערד, אַזוי נאָכגעביק, מילד,
קושט מיינע טריט מיט איר גראָז און זי קילט.
הויכט פון איר אינגעווייט עפּל־געשמאַק,
פאָכן די ווינטלעך און גלעטן מיין באַק.
כ׳ווייס, ס׳איז די ערד ניט פאַרהייליקט מיט בלוט,
ס׳ליגט ערגעץ אַנדערש מיין טאַטע און רוט —
אָבער מיין קינד פון איר ערד איז אַ שטיק,
לויכט אין איר ליכט, איז באַגליקט פון איר גליק.

# מדבר־קאַליפאָרניע

**דער מדבר** בליט און גליט — אין פלאַמיקע קאַלירן
איז איטלעך שטעכעדיק געוויקס געצונדן;
די ברוינלעך־גרינע קאַקטוסן שעמרירן
מיט געלער גרויסער בליעכץ אויפגעבונדן.

זיי שטאַרצן ווילד, משונה׳דיק — פיגורן:
פון קלענסטע קאַרליקלעך ביז העכסטע ריזן;
פאַרקרימט, צונויפגעדרייט אין אייביקע יסורים,
מיט דערנערהענט, וואָס שטעכן ווי מיט שפּיזן.

וואָס פאַראַ פאַרבן און שאַטירונגען פון פאַרבן
אין גרין און פורפור, בלוי און הייסן צונטער;
אַלץ בליצט און שרייט, ווי ברענענדיקע גאַרבן,
און ס׳שרפה׳ט, ברענט, אַ געלע זון אַרונטער.

נאָר אין געשריי פון די קאַלירן־פלאַמען
די יוקאַ־בלומען שטייען דין און אידל;
די קעפּ צעבליט אין ווייס, מיט שוואַרצע שטאַמען,
און יעדע בלום — אַ צאַרטע, שלאַנקע כלה־מיידל.

אויף דעם צעגליטן האָריזאָנט פון קובל אויבן —
צעברענטע לאַוואַ־בערג, צעאַקערט און צעשפּאָלטן;
מיט פורפור־וואָלקנדלעך, וואָס קרייזלען זיך און הויבן —
עס בליט אַ וועלט, וואָס גאָט האָט זי פאַרשאָלטן!

# דער מדבר אין זונפאַרגאַנג

כ׳האָב געזען אין דעם מדבר גאָט׳ס כבוד,
אין דער שטילקייט דער שטומער — זיין פּראַכט;
ס׳איז געווען אין דער שעה פון שקיעה,
אין דעם גלי פון דעם בלויען פאַרנאַכט.

אויף די נאַקעטע בערג די צעבערענטע
ליגט צעוואָרפן דער זוים פון זיין קלייד;
און דאָס קלייד ברענט אין פליסיקן פייער,
דעקט דעם מדבר אין ווייט און אין ברייט.

און דאָס פייער — פיאָלעטער פורפור
ביז דעם איידלסטן לופטיקסטן רויט —
שפּיגלט אָפּ זיך מיט גנאָד און מיט רחמים
אויפן טרוקענעם מדבר וואָס בלויט.

און די בלויקייט — אַ טיפע, אַ שאַרפע,
ס׳בלויט דאָס געל־ווייסע טרוקענע זאַמד;
און עס וואַרפט בלויע שאָטנס דער קאַקטוס
מיט זיין שטעכיק־פאַרהויבענער האַנט.

און די כלה, די אײדעלע יוקאַ,
האָט געביטן איר װײסקלײד אויף ראָז;
און זי שטײט און פֿאַרנײגט זיך, פֿאַרחלומט,
צו די דערנער און שטעכיקן גראָז.

און דער דאָרן דער מינדסטער פֿון מדבר
שטײט מיט קאָפּ צו דעם פֿײער געװענדט;
פּונקט אַזױ װי דער סנה פֿון פֿאַרצײטן:
ברענט אין פֿײער און װערט ניט פֿאַרברענט.

י. י. שוואַרץ

# אַ קליינע מאַמע

אַ מאַראַנץ־ביימל קליין, רחמנות׳דיק קליין,
איז פאַרקראָכן אויף אַ בערגל און געבליבן שטיין;
האָט אַריינגעשטעקט דינינקע וואָרצלען אין דר׳ערד,
איז געבליבן פאַרוואונדערט און זיך צוגעהערט.

איז געקומען זיין מלאַך צופליען אין פלי,
אים געקלאַפּט מיט אַ זונשטראַל אין פלייצע: בלי!
און דאָס ביימל האָט געפאָלגט און האָט זיך צעבליט,
און די זון האָט געוואַרעמט און האָט אים צעגליט.

און פון בלי און פון גלי — אויף די צווייגעלעך דין
האָט גענומען וואָס פלאַצן. צוערשט — קליין און גרין,
ווי די ניסלעך די קליינע געשפּאַרט און געשפּאַרט,
ווי די קליינטשינקע ניסלעך אַזוי שטייף און האַרט.

נאָר די זון האָט געברענט און דער טוי האָט געקילט
און עס האָבן די זאַפטן אין זיי זיך צעשפּילט;
זיך פאַרגרעסערט, פאַרקיילעכט — עס שמעקט זייער הויט
און זיי גליען ווי גילדענע עפּל אין רויט.

און די מאַמע אויפן בערגל, צוויי פוס פון דער ערד,
שטייט אין נחת און קוועלט פון דער משא באַשווערט;
האָט געטאָן איר שליחות, און זי לויכט אין אַרום
ווי אַן אויסטערליש רויטע פאַרצווייגטע בלום.

# איבער פּאָו׳ס מאַנוסקריפּט פון „אַנאַבעל לי״

**דאָס ליד** אין עדגאַר אַלען׳ס שריפט
ליגט אונטער גלאָז און ראַם:
„ס׳איז געווען מיט יאָרן און יאָרן צוריק
אינעם קיניגרייך ביים ים״.
און די שריפט איז קליין און שאַרף און ריין
און גליט אין שוואַרצער ראַם.

די האַנט פון פאַרליטענעם, קראַנקן באַרד
האָט מיט יאָרן און יאָרן צוריק
אויסגעפיבערט דאָס ליד אויפן געלבן פּאַפּיר
און די בלעטלעך געקלעפּט אין איין שטיק —
און זיין כלה, זיין קינד־ווייב, זיין אַנאַבעל לי,
פאַראייביקט אין שוואַרצער מוזיק.

די צייט גייט איר גאַנג, גייט איר אייביקן גאַנג,
און אַוועק זיינען הונדערט יאָר —
און דער ציטער פון קלאַנג, פון וואָרט אין געזאַנג
גייט איבער פון דור צו דור;
דאָס ליד פונעם מיידל־ווייב, צאַרט און באַנג,
מיט אויגן — ווי שטערן קלאָר.

און דער מענטש אויפֿן ווייטן פּאַסיפֿישן ים
שטייט באַצוואונגען פֿון אייביקן צער —
עס באַווייט אים דער אַלטער שוואַרצער פּלאַם,
מאַכט ריידן אין קבר די ליפּן פֿון באַרד:
„איך בין אַ קינד געווען, זי איז אַ קינד געווען,
אינעם קיניגרייך ביים ים".

# אַ לבנה־נאַכט אין די בערג

**אויף ברייטע** ווייסע פליגל שוועבט די נאַכט,
די שטילע זילבער־נאַכט פון וויטן מערב.
ס׳איז שטיל און קיל. עס גייען שטראָמען לופט
און בלעטערן און שאָרכן אין דיביימער.
עס ווייט מיט אָראַנדזש־בליאונג און מיט האָניק,
מיט ערד, מיט קרייטעכצער און יוני־רויזן.
אַ פויגל צו אַ פויגל צוויטשערט, רופט,
און גרילן זעגן אין דער נאַכט אַריין.
די אַלטע אייקאַליפּטוס־ביימער גרויען,
מאַגנאָליעס בלויען ענג־צונויפגעדריקט.
דער הימל — הענגלעך שטערן אָנגעזעצט —
איז מלכות׳דיק און בלוי. די וועלט ליגט שטיל,
פאַרטיפט אין איר הוויה און פאַרקנוילט
און יערט אין אירע בראשית׳דיקע זאַפטן;
און אויף מיין פּנים פאַלן קילע שפּריצן
פון שמעקעדיקן טוי.

געבענטשטע נאַכט פון נעכט,
וואָס שווימט אין בלויער שטראַליקייט און רו —
ניטאָ ביי דיר קיין פריערדיקס און שפּעטערדיקס —
ווי ס׳איז ניטאָ קיין פריער פאַר דער ערד,
ווי ס׳איז ניטאָ קיין שפּעטער פאַר דעם בוים,
פאַר גראָז און רויז וואָס אָטעמען אין נאַכט אַריין,
און פאַר די בערג די אייביקע אַרום,
וואָס הויערן אין שטראַלנדיקער ווייסקייט
און מיניען זיך אין בלוי, און שליסן איין
אַ צירקל אַ פאַרכשוּפ׳טן פון ניט דער וועלט.
און אַלדאָס בייז און אַלדאָס גוטס פון פריער,
ווי די געאַנטע לייד און פרייד פון שפּעטער,
ווערט אָפּגעווישט און אָפּגעוואַשן ריין
פון מענטשנס האַרץ. דאָס האַרץ ווערט לויטער, פריי,
און די נשמה לויכט מיט איר באַהאַלטן ליכט
און שוועבט, ווי ס׳שוועבט די גוטע, שטילע נאַכט,
איבער די וואַסערן פון צייט און רוים.

# אַ מיראַזש

אונטער דער קילער געל־גרינלעכער לבנה
ליגט טויט דער מדבר, טויט און אויסגעלאָשן.
עס גליווערט שטום די נאַכט איבערן מדבר —
איבער זיין געלן זאַמד און שוואַרצע קאַקטוסן,
און איבער די געדיכטע בערשטלדיקע צמחים.
די באַן לויפט שנעל אין ווייסער נאַכט אַריין
און אָטעמט הייס און ריטמיש. פּאַראַלעל מיט אונדז
לויפט מיט די גאַנצע נאַכט אין טויטן מדבר
און הויבט זיך אויף פון זיין צעברענט־פאַרברויגטן בעט
אַ ברייטער, אַ פאַנטאַסטיש־לעבעדיקער טייך:
דאָס וואַסער רונצלט זיך אין בלויע כוואַליעס
און שימערט, גיסט זיך איבער אין לבנה־ליכט;
עס גייען שוואַרצע שיפלעך מיט צעשפּרייטע זעגלען,
וואָס ווייסלען זיך און שוועבן איבערן וואַסער.
אַ זילבער־ווייסער, דורכזיכטיקער נעפּל
גייט אויף און ציט זיך ווי אַ רויך צו דער לבנה.
געוועזן אַמאָל דאָ, אין די יונגע יאָרן פון דער וועלט,
אַ בלוי, אַ לעבעדיק און שטראָמיק וואַסער —
זיין גוף איז לאַנג שוין איינגעשרומפּן, נאָר זיין נשמה
קומט אַלץ צוריק צום פּלאַץ פון איר געבוירן
און שטראַלט מיט איר געוועזן ליכט אין ווייסער נאַכט.

# אויגן

דער חן פון גרויע דורות רוט אויף איר,
דער צער פון דורות שוועבט אויף איר געזיכט;
און אין די אויגן צינדט זיך וואָלקנדיק
אַן אומבאַקאַנט, פאַרבענקט, פאַרשאָטנט ליכט.

צומאָל וואַכט אויף דאָרטן די ערשטע פלוך,
די אוראַלטע פאַרפירערישע שלאַנג —
און נאָגט און זויגט די בלוטן פון מיין האַרץ
און ס׳קלינגט אין אויער מיר אַן אַלט געזאַנג.

און צייטנווייז, מיט זונען־אונטערגאַנג,
באַקומען אירע אויגן גאָר אַן אַנדער שיין:
די שייטערהויפנס פון דער גאַנצער וועלט
געצונדן זיינען דאָרט מיט לייד און פּיין.

און אָפטמאָל אין די פייערדיקע נעכט
וואַכט אויף די רויב־חיה אין פולן גלאַנץ —
אַ טיגערין מיט גלאַטער פעל — די אויגן גאָלד —
און יעדער מוסקול טאַנצט אין ווילדן טאַנץ.

נאָר איינמאָל האָב איך זיי אין גרויען ליכט
געזען: אַש־גרוי, אָן גלאַנץ, אַ גרויער בלאַנק.
די פוסטקייט פון דער וועלט האָט דאָרט געפרידט
און בלינד געשטאַרט: אַ פלוך, צי אַ געדאַנק?

# שבת־קודש

**צינד אָן** דיין מאַמעס בענטש־לייכטער די צוויי
ביים פענצטער ווען זוּן גייט אַרויס צום פעלד ;
און לויכטן זאָל זיך צנועה׳דיק אַרויס
דער שבת־קודש איבער גאָר דער וועלט.

דיין קינד פאַרנעם אונטער דיין ווייסן שירץ,
מיט קעפּל ברוין געלאָקט און ליב געזיכט ;
פאַרדעק די אויגן מיט די בלאַסע הענט
און ווי דיין אַלטע מאַמע בענטש די ליכט.

און יעדער שלעכטער רעיון וועט אַוועק,
אַרום דיין קאָפּ וועט קרויזן זיך אַ שיין.
דיין קינד וועט אָנקוקן דיין טרער פאַרבליפט —
ווי שרה, רבקה, רחל, וועסטו זיין.

# מזרח

זינגט נאָך אַלץ דער שטראַל פון מזרח
אין מיין יונג און קאָכיק בלוט;
פיל, ווי ס׳ברויזט אין מיר דאָס פייער,
עס פאַרצערט מיך מיט זיין גלוט.

צינדט נאָך אַלץ דער שטראַל פון מזרח
בליצן־פייערלעך אין אויג;
שלאָגט אַרויס זיך ווילד דאָס פייער
פון מיין יעדן קער און בויג.

זע, איך בין אַ זון פון מזרח —
דורות האָבן ניט געקענט
אָפּווישן פון מיר די שפורן
פון דעם הייסן אָריענט.

ס׳ברענט דער מזרח פאַר די אויגן
און אין האַרץ אַ בענקשאַפט גליט;
און אויף מיינע פרישע ליפּן
קלינגט נאָך אַלץ דאָס מזרח־ליד.

# אַ תפילה

ס׳האָבן גלי־ווערים געפינקלט
אויף די שוואַרצע קרויזע לאָקן;
פלעמלעך האָבן זיך געצונדן
האַלב־פאַרוואונדערט, האַלב־דערשראָקן.

און פון אונטן, אונדז צופוסנס,
איז דאָס וואַסער שטיל געלעגן;
און פאַרחלומט, קוים באַוועגט זיך
אין די שוויינגנדיקע ברעגן.

ס׳האָבן פייערלעך גערעגט זיך
אין דער שוואַרצקייט און געפליטערט —
און די וועלעכלעך זיי האָבן
זאַנפט און ווייך און שטיל געציטערט.

ס׳האָט די וועלט אַן אָוונט־תפילה
שטיל און האַרציק־טריי געזונגען;
און ביי מיר טיף אין נשמה
האָט די תפילה אָפּגעקלונגען.

י. י. שוואַרץ

# רות און נעמי

(סאָנעט)

און ס׳זיינען דיביידע געגאַנגען, געגאַנגען —
די טעג האָבן לאַנג, האָבן שווער, זיך געצויגן.
דער ווינט האָט געשאָטן מיט זאַמד אין די אויגן,
דאָס ברויט איז פון זייער געפּעס אויסגעגאַנגען.

די זון איז אַ קופּערנע, רויטע געהאַנגען
און ס׳האָט זיך געבלעזלט דאָס זאַמד און געפלויגן.
עס האָט זיך די אַלטע פון מידקייט געבויגן —
און שטיל האָט דער מדבר געשטערעקט זיך, אָן קלאַנגען.

פון בראָנז איז די יונגע געוועזן געגאָסן,
איר פּנים פאַרברוינט פון די זאַמדן און ווינטן —
פון קופּער די מאָגערע פיס און די הענט.

צעשאָטן די האָר און די ליפּן געשלאָסן,
איר בליהענדיק לאַנד איז געבליבן וועיט־הינטן —
דאָך זיכער אין צוקונפט איר אויג האָט געברענט.

# רות אין בית־לחם

## (סאָנעט)

**דאָס פעלד** האָט זיך צעוואָרפן ווייט און ברייט —
ווי לויטער גאָלד געגליט האָט יעדע זאַנג;
אין לופט געשטאַנען איז אַ קלאָר געזאַנג
און זיך ווי פערל איבער גאָלד געשפּרייט.

עס האָט געשאָטנט זיך אַ ים פון ברויט
און ס'האָבן שניידמעסער געענטפערט מיט געקלאַנג;
די ערד האָט רייך געגעבן איר געשאַנק
און ס'האָבן בערג מיט זיכערקייט געוויזט.

און שטיל, צעפלאַמט פון גאָט־געבענטשטן שניט
איז זי געשטאַנען און געקוקט מיט פרייד.
די גרויסע מזרח־זון האָט הייס געגליט;

פאַר איר דאָס גרויסע זאַנגען־פעלד זיך שפּרייט —
איר בליק ווייט אָפן, און פאַר אים זיך ציט
פון גרויסע קיניגן אַ לאַנגע קייט.

# פון טיפעניש

## א

מײַנע טויזנטער יאָריקע וואונדן אין מיר
רופן, בלוטן מיט אָפענע מײַלער צו דיר.
דען מײַן מוט איז געבראָכן, עס לעשט זיך מײַן פונק
אין די תּהומ׳ען פון חושך, און שוואַך איז מײַן צונג
און ניט זיכער מײַן טראָט, און מײַן זעל איז פול שאַנד
און עס וואַקלט מײַן קני און אָן מאַכט איז מײַן האַנט.
נאָר אין אויג ברענט פון אויטאָ־דאַ־פייען דער בראַנד
און אין אויער קלינגט גרויזאַם אַ קייטן־געקלאַנג
און אַ ווײנען פון תּהלים, און פּריסטער־געזאַנג
און אַ גלאָקן־געקלאַנג און געשרייען פון האַס —
און דאָס האַרץ ווערט צעפּלאַצט פון אָנמאַכטיקן כּעס.

## ב

נאָך אַ קינד — אויף מײַן מויל האָט דײַן נאָמען געגליט
און אַן אויג האָט געוויינט און אַ טרעט האָט געבריט,
און אַז אויפקומען פלעג איך אינמיטן דער נאַכט —
אויף דער ערד איז געזעסן מײַן זיידע פאַרשמאַכט,
און באַשאָטן מיט אַש האָט זײַן גרייז־גרויער קאָפּ
שטום געציטערט אין טרויער אַרויף און אַראָפּ,
און געצוקט האָט פאַר ווייטיק זײַן טרויריק געזיכט...
ס׳האָט אין שאָטנס געצאַפּלט דער פלאַם פונעם ליכט,
און זײַן קול האָט געציטערט, געכליפּעט, גענאָגט
און דורך טרערן די תּפילות פון דוד געקלאָגט.

נאָר זיין אויג האָט געבליצט און געברענט און געפלאַמט
און דאָס קינדישע האַרץ איז געוואָרן פאַר׳סמ׳ט.
און אין חלום געזען האָב איך דורות אין בלוט:
ס׳האָבן מחנות געוואַנדלט געטריבן פון רוט,
מיט געזונקענע אויגן, געבונדענע הענט
און געקלאַפּט האָבן קעפּ זיך אָן אייזערנע ווענט
ס׳האָט געשמוצערט די בייטש, ס׳האָט געיאָמערט אַ קינד
און געפּייפט האָט מין צאָרן אַ שניידיקער ווינט.

ג

כ׳בין געווען — איך בין דאָ, און וועל אייביק נאָך זיין
און ס׳וועט אייביק זיך ציען מיין העלישער פּיין.
ס׳האָט מיין בלוט נאָך געשפּריצט אין די צירקן פון רוים
און ס׳האָט אים דער טיבער פאַרשוויינקט מיט זיין שוים.
און דאָס זאַמד פון ערב האָט מיין טרער איינגעזאַפּט
און פאַרברענט מיט זיין גלוט איז געוואָרן מיין קראַפט.
און אין שפּאַניע האָסטו מיט דיין פלאַם אונדז באַהויכט
און אויף לײדן געבענטשט אונדז, אויף מאַרטער דערהויכט —
ס׳איז געגאַנגען מיין זיידע דאָרט זיכער און שטאָלץ
צום מזבח פון ליבע און פייער און האָלץ,
און על־קידוש־השם, מיט דיין נאָמען אין מויל
זיך געוואָרפן באַגליקט אין דעם פייערדיקן קנויל.
און ביים קלאַנג פונעם גלאָק מיט זיין גלויבן און מוט
ווערט פאַרהייליקט דיין גרויסקייט מיט מאַרך און מיט בלוט.
ס׳האָט געלויכטן די זון — נאָר געווען איז נאַכט,
איבער אונדז איז דיין הימל געלעגן פאַרמאַכט.

אָפּט גאָר אָפּט האָט דיין בליץ זיך צעשפּילט אויף מיין קאָפּ
און מיט רוגז געקנאַלט האָט דיין דונער אַראָפּ.
נאַכט פּאָרויס — און פון הינטן דאָס פייער און שווערד,
און פון אונטן — אַ פיינטלעכע פלאַמיקע ערד!

ד

גרויסער גאָט פון ישראל, אַנטפּלעק דיין געזיכט —
זאָל אין פלאַם מיך פאַרברענען דיין געטלעכע ליכט.
נאָר כ'זאָל וויסן, איך האָב ניט געליטן אומזיסט,
ניט אומזיסט האָבן ימ'ען מיט טרערן געפליסט.
גיב אַ צייכן, אַז דו ביסט געוועזן און דו ביסט,
גיב אַ צייכן אַז דו האָסט מיין לידן באַגריסט
און געהייליקט מיין טרער און געבענטשט מיין געמיט —
און מיין יעטווידער גליד וועט דיר זינגען אַ ליד,
פון די אָדערן וועל איך דיר פלעכטן אַ קנויט,
אויף מיין אייגענעם פלאַם וועל איך ברענען צום טויט.
אין מיין קינד וועל איך שטאַרבנדיק גיסן דיין סם,
זאָל עס זינגענדיק ברענען אין אייביקן פלאַם —
נאָר דעם פינצטערן בלייענעם וואָלקן צערייס — —
— גרויסער גאָט פון ישראל — באַווייז זיך, באַווייז...

# אַקאַציעס אין בלוי

אַקאַציעס בלויען אין פרימאָרגנליכט
אויף ביידע זייטן פון פאַרבליטער גאַס;
די רונדע קעפּ אין בלוילעכן פּיאָלעט,
און איבער זיי — אַ הימל גרינלעך־בלאַס.

ס'איז שטיל, ס'איז טאָג ניט טאָג, ס'איז נאַכט ניט נאַכט.
פאַרטייעט ליגט די וועלט אין גרינעם בלוי;
און ס'זילבערן אין דעם פּיאָלעט פון בוים
די שווערע שמעקעדיקע טראָפּנס טוי.

עס בלויט, ווי אין אַ זעאונג פון ביינאַכט,
און ווי אין חלום קווועלט פון האַרץ אַ ליד;
און אויף די בערג פון ווייטן האָריזאָנט
דער שטערן פון פרימאָרגן וויגט זיך, גליט.

# צום אָנדענק פון ד. ס.

אין ברוקלין ווייס איך אַ בית־עולם —
אַ קינד אַ ווייס דאָרט ליגט באַהאַלטן;
דאָס פּנים בלאַס מיט בלאָנדע לאָקן,
אַ שמייכל אויפן מויל דעם קאַלטן.

איך האָב אַליין דעם ווייסן ארון
אין פרישן גרוב אַראָפּגעלאָזן;
דעם ערשטן הויפן ערד געשאָטן,
דאָס בערגל צוגעדעקט מיט גראָזן.

דערנאָך האָט מיך דאָס גרינע בערגל
מיט טרייסט און טרויער צוגעבונדן;
און ס'האָט דאָס ווערבע בוים צוקאָפּנס
גערעדט, גערעדט, פאַררעדט די וואונדן.

און איצט, ווען ס'זינגט דער טאָג אין שטראַלן
און אַלטעביימער רוישן, זשומען —
שטראַלט אויף פאַר מיר דאָס קינד דאָס ווייסע
און שמייכלט ליב פון גראָז און בלומען.

# ווינטער

## א

די בלומען שמעקן אַזוי פריש אין צימער
און בויגן זיך פון דער קרישטאָלענער וואַזע;
אַזעלכע פרישע, לעבעדיקע, רויטע,
און ווייסע, סאַמעטענע, בלאַסע.

אין גאַס איז ווינטער, ס'גייט דער שניי פּאַמעלעך,
אין זילבער ליגט די גאַס און בלויען שימער;
עס שמעקט מיט שניי, מיט ערשטן שניי מיט פרישן,
און דאָ איז אַזוי וואַרעם, ליב, אין צימער.

עס וויגן זיך פּאַמעלעך די גאַרדינען,
עס וויגן זיך די שטייפע פרישע בלומען —
און זע, אויף דיינע ווייסע באַקן זיינען
צוויי בליענדיקע רויזן אויפגעקומען.

## ב

די קינדער זיינען אַנגעלאָפן פון דער גאַס
מיט פייכטע לאָקן און צעבליצטע אויגן;
מיט זיי צוזאַמען איז אַ גרויסע ליבע פרייד
פון דרויסן אינעם צימער אַנגעפלויגן.

די בעקלעך גליען ווי די עפל, קאַלט און רויט,
די שטאָלענע און בלאַנקע גליטשערס קלינגען;
געשווינטע פיסלעך טראַמפלען אויפן דיל,
איין קול׳כל וויל דאָס צווייטע איבערזינגען.

עס שלאָגט מיט שטראָמען לעבן, יונג און פריש,
אָט האָבן זיי אַרומגעכאַפּט דער מאַמען;
איין קעפּל טוליעט זיך צום צווייטן, ווי אַ קראַנץ,
און אַלע ריידן, פּלוידערן צוזאַמען.

עס שמעקט מיט שניי, מיט יוגנט און מיט קראַפט —
ס׳האָט פרילינג־שטורעם אַנגעווייט דער ווינטער.
די אויגן ריידן און די ליפּן שמייכלען פריי —
אַ גרויסע מאַמע־קינד צווישן קינדער...

## ג

אויפֿן זילבערנעם שניי פֿונעם פּאַרק
פֿאַלט אַ שטראַליקער גרין־בלויער גלאַנץ:
יעדער בוים מיט זיין שאָטן ביים זייט,
יעדער צווייג איז פֿון בלומען אַ קראַנץ.

אויפֿן זילבערנעם פּאַרק שלאָפֿט די נאַכט,
שוועבט איר רויִקער אָטעם אין לופֿט;
קלינגען שטילע אַ צווייג אָן אַ צווייג,
ציט פֿון סאָסניקע נאָדלען דער דופֿט.

אין דער זילבערנער שטילקייט פֿון פּאַרק
הערט זיך נאָר, ווי עס פּלאַצט וואו דער אייז —
צווייג און בוים, נאַכט און קלאַנג און פֿאַרלאַנג
שטייען שטילע פֿאַרגליווערט אין ווייס.

## ד

שטילע, אַנטשוויגענע אונטער דעם שניי,
שטילע, געלייטערטע, אונטער דעם שניי —
שטיל אויפֿן האַרצן און לויטער ווי שניי,
פֿילסט ניט דעם עלנט און פֿילסט ניט דעם ווי.

ווייס שפּרייט די נאַכט זיך, באַצוואָונגען אין שניי,
ביימער אין ווייסן און שטערן אויף זיי.
שפּילט זיך דאָס ווינטל מיט פֿליטערלעך שניי,
טוט זיי ווי שמעטערלינגס ווייסע אַ דריי.

ה

... נאָר דו האָסט דאָ דיין ווייטיק מיטגעבראַכט,
דיין שוואַרצן ווייטיק אין דער בלויער נאַכט.

דו הערסט, ס'דערטראָגט זיך ניט אַהער קיין קלאַנג,
עס גייט די נאַכט פאַרטראַכט איר שטילן גאַנג.

און ביימער שטרעקן זיך צום הימל שטיל,
און שטערן צינדן זיך אין שפּיצן קיל.

און שאָטנס בלויע הויערן ביים זייט,
לאַמטערן רויטע פינקלען פון דער ווייט.

עס גלאַנצט דער שניי און זינגט אונטער די טריט
און צווייג און בוים זיי זינגען שטיל אַ ליד.

נאָר דו האָסט דאָ דיין ווייטיק מיטגעבראַכט,
דיין שוואַרצן ווייטיק אין דער בלויער נאַכט.

ו

אויפגעגאַנגען און פאַרגאַנגען און פאַרבליט
נאָר דאָס האַרץ איז אַלץ געפאַנגען פונעם גליק;
אויפגעקלונגען און פאַרקלונגען האָט דאָס ליד,
נאָר עס צינדן זיך נאָך פונקען אינעם בליק.

און אין שטילע נעכט אַ תפילה גייט אויף שווער,
און עס לעכצט דאָס האַרץ דאָס שטילע און עס גאַרט;
און עס צאַנקען די פאַרלאַנגען אין אַ טרער
און עס לעשן זיך געדאַנקען אָפּגענאַרט.

# אַ דאַנק

**אַ דאַנק** דיר, גאָט,
דו גאָט, וואָס מאַכט
דעם הימל בלוי,
און טאָג און נאַכט.

וואָס גיסט זיין טוי
אויף בלום און בוים,
און שמייכלט זיס
אין אונדזער טרוים.

צינדט אָן אַ זון
אין בלוי און ראָז;
טרינקט אָן מיט זאַפט
דעם גרינעם גראָז.

און טרילערסט פון
דער פויגל־קעל;
און שימערסט אין
דער קלאָרער וועל.

און וואַכסט אויף אונדז,
און היטסט אונדז אָפּ;
מאַכסט ניי דאָס האַרץ
און יונג דעם קאָפּ.

און הילסט אונדז איין
מיט גרויס גענאָד —
אַ דאַנק דיר, גאָט,
אַ לויב דיר, גאָט.

י. י. שוואַרץ

# אַ שטילער טאָג

## א

אַ שטילער טאָג אַזאַ האָט זיך אַונדז איינגעגעבן
מיט שטילע ווינטלעך און מיט בלויע הימלען;
מיט הויכע בערג פאַרנעפּלטע אין ווייכער בלויקייט,
מיט ווייסע וואַסער־ליליעס וועלכע דרימלען.

מיט הענט געפלאָכטענע, ווי ס'בלאָנדזשען קליינע קינדער,
מיט ווייכע שטילע טריט אויף גראָז און בלעטער;
מיט הערצער שטיל־פאַרנעפּלטע וואָס קלאַפּן רואיק,
וואָס טראַכטן ניט פון נעכטן, טרוימען ניט פון שפּעטער.

מיט אויגן גלעטנדיקע אין אייגן גליק פאַרטיפטע,
וואָס פאַלן בענטשנדיק די גרינע פעלדער,
וואָס זיינען דורכגעוועבט מיט בלוי, פיאָלעט און רויטקייט
און ווערן ווייט פאַרלאָרן אין די גרינע וועלדער.

ב

אויף די שוואַרצע בלומען פון דיין זיידנקלייד
פאַלט דער אָונטשיין;
דורך די פענצטער שטראָמט די שמעקעוודיקע לופט
ווי אַ רויטער וויין.

ס׳גליען פייערדיק די קווייטן פונעם טעפּיך
לעבעדיק און ראָז;
ציטערט, צינדט זיך אויפן וואַנט און ברענט
פון אַ בילד דאָס גלאָז.

ס׳גליט דיין שיינער שטאָלצער קאָפּ אין ליכט,
דיינע האָר אין פלאַם;
דיינע אויגן ראָז פאַרנעפּלט — ראָז און גרויס,
ווי אַ ראָזער ים.

ג

אין מיין וועג ביסטו געקומען
אומדערוואַרט —
האָב איך שטיל דיין ליכט פאַרנומען
און געגאַרט.

כ'האָב מיין מידן קאָפּ געבויגן
און געקניט;
ס'האָט דאָס ליכט אין מיינע אויגן
אויפגעבליט.

און געזאָגט האָב איך אַ מידער
דיר אַזוי:
גיס אויף מיינע קראַנקע גלידער
לעבנס־טוי.

טרערן קומען צו מיין גומען,
שטום מיין צונג —
זאָלן בליען דיינע בלומען
אויף דיין וואונק.

ד

ברענט מיין האַרץ ווי אַ ליכט אין דער נאַכט,
שרייט דער צער פון נשמה אַרויס —
עס האָט גאָט אַלע וועגן פאַרמאַכט.

נאָר איין וועג האָט ער אָפן צעשפּרייט —
שמאָל, אין גריבער דער וועג, ציט זיך גרויס,
ס'איז דער וועג פון יסורים און לייד.

אויף דעם דאָזיקן וועג גייט מען שטיל,
מיט געבויגענע קעפּ צו דער ערד —
אויף דעם וועג גייען פיל, גייען פיל.

גייען טרויעריק, עלנט, פאַרשמאַכט —
גייען די, וועמעס האַרץ גאָט באַשערט
ברענען שטיל ווי אַ ליכט אין דער נאַכט.

# אַ זומער אין די קעטסקיל־בערג

## א

**אין מערב** האָט געפלאַמט די זון
אויף קייטן בערג צונויפגעשלאָסן;
און מיט דעם טיפן טונקלבלוי
פון הימל זיך צונויפגעגאָסן.

דער וואַלד פונוויטנס האָט געבלויט,
קאָלירן האָבן זיך געביטן;
און אויפגעכישופט האָבן בערג
מיט לעבעדיקע וואונדער־בליטן.

## ב

יעדער טאָג — אַ נייער וואונדער,
יעדע נאַכט — אַ נייער סוד;
יעדע שעה און שעה באַזונדער
אַ מתנה פון מיין גאָט.

שטיי איך אויף אַ שפּראָץ באַגינען —
פעלדער אָטעמען מיט טוי;
ביימער רוישן, קוואַלן רינען,
איינגעהילט אין טיפן בלוי.

וועלדער גרויען נאָך אין טויען,
פון די בערג אַ ווינטל ציט;
פון דעם הימל פונעם בלויען
קלינגט דאָס ערשטע מאָרגנליד.

## ג

יונגע בלויע־יאַגדעביימלעך
האָבן אונדז אַרומגערינגלט;
גרינע גראָזן, טוי־באַפּערלט
האָבן פאַר די פיס געפינקלט.

פרישע מאַלינעס, ווי קרעלן,
האָבן העל און רויט געוואונקען;
פון דער טיפער בלויער הויכקייט
שטראָמט מיט קלאַנגען און מיט פונקען.

## ד

כ׳האָב נאָך גאָרניט דיר געזאָגט,
כ׳האָב נאָך גאָרניט דיר פאַרטרויט;
און דיין בליק איז ווי אין טוי,
און דיין פנים גליט אין רויט.

ס׳זינגט נאָר שטיל דאָס האַרץ אין מיר,
כ׳האָב נאָך ניט אַרויסגערעדט;
און דיין קאָפּ ער בויגט זיך שטום,
און די האַנט די שטייפע גלעט.

## ה

דו ביסט שטאָלץ און שטאַרק און בויגיק
און פון זון פאַרברענט;
גאָלדנהאָריק און בלויאויגיק,
בראָנזן־פיס און הענט.

ס'האָט די זון דיין לייב געבאָדן
און דער ווינט — געגלעט;
און דיין בלוט האָט אויפגעזאָדן
און אין פלאַם געדרעדט.

## ו

גרינלעך־געלבע וואַסער־ליליעס
שווימען אום אויף דיקע שטאַמען;
איינגעפּאַסט אין לענגלעך־רונדע
דיקע בלעטער, ווי אין ראַמען.

שמעקט געדיכט מיט בלעטער־פּוילקייט,
פּלאָנטערט זיך אין גרינס דער רודער;
און די דעק פון שיפל גליטשט זיך
אויף די בלעטער מיט געדרודער.

פונעם גרינלעך־בלויען וואַסער
שווימען פעלדער אונדז אַנטקעגן;
און דאָס שטילע שיפל טראָגט זיך
צו די בליענדיקע ברעגן.

## ז

ווילד־וואַלד. דער וועג איז פֿאַרפלאָכטן געדיכט,
פלעמלט דאָס גרינס אין דעם וואַלד פונעם ליכט.
רוישן אין בלעטער אין פייכטע די טריט
ווייט וואו אַ פּריילעך גערויש און עס ציט.

שלאָגט אַרויס זוניק און לויטער אַ קוואַל,
שפּרינגט פון די שטיינער אַראָפּ מיט זיין פאַל.
זשומען דאָ בינען אַרויס פון אַ בוים,
פלאַטערן פלאַטערלעך ווייסע ווי שוים.

קוקן די שוואָמען אַרויס פונעם גראָז,
הויכן מיט פרישקייט אין ברוין און אין ראָז.
ערגעץ פון שפּיצן פון ביימער אַראָפּ
שרייט, ווי אין ווינטער, אַן איינזאַמער ראָב.

## ח

עך, דו גאָלדענע פּרינצעסין,
נייטאָרין פון שטאָדט ניו־יאָרק:
וואָס האָט זיך דיין קאָפּ געבויגן
און וואָס טראָגסטו פאַראַ זאָרג?

ס׳ענטפערט מיר ניט די פּרינצעסין,
נאָר איך פיל, ווי ס׳וויינט איר האַרץ.
וואָלקן שווימען פאַר די אויגן
און די הימלען ווערן שוואַרץ.

ט

דו ביסט מיד פון זון און פריידן,
דו ביסט מיד אַצינד;
לייג דיין קאָפּ מיר אויף מיין שולטער:
אַי־ליו־ליו־ליו, קינד.

יע, מיר זיינען מיד און טרויריק —
ס'איז דאָס לעבן שווער;
טרייסט איין עלנטער דעם צווייטן,
פאַלט אַ שטילע טרער.

ס'ווייט פון בערג אַראָפּ מיט פייכטקייט,
שאָטנס פאַלן צו —
יע, מיר זיינען מיד און עלנט,
קינד מיינס, אַי־ליו־ליו.

י

ס'האָט דער פאַרנאַכט אויף אונדז געווייט
מיט גוטער אומעטיקער פרייד;
אַ ווינטל האָט געבלאָזן מילד,
אַ צערטלעכקייט האָט אונדז פאַרהילט.

די שפּיצן בערג האָבן געגליט,
די זון האָט זיך געזעגנט מילד.
דער טאָג פאַרגייט, דער טאָג פאַרגייט,
מיט אים אַזויפיל גליק און פרייד.

## יא

די שטילע זומערנאַכט האָט אונדז פאַרוויקלט,
די שטילע זומערנאַכט האָט אונדז פאַרהילט;
און האָט מיט ווייכע בלויע ווינטן
געפּאָכעט איבער אונדז און אונדז געקילט.

און שטערן האָבן פריידיק, נאָענט, געפינקלט,
ווי היינגלעך טרויבן מיט אַ גאָלדן ליכט;
און טיפע הימלען האָבן זיך געבויגן,
אין טוי געוועזן מיין קאָפּ און מיין געזיכט.

## יב

שטיל און באַנג, קלאַנג און קלאַנג
פאַלן אין דער נאַכט;
ווייסער שיין הילט אַלץ איין,
צערטלט אַלץ פאַרטראַכט.

גראָז און בוים, ווי אין טרוים,
דרימלען טיף־פאַרטיפט;
פאַלט דער טוי, זילבער־בלוי,
טריף נאָך טראָפּן טריפט.

ווייס און שטיל. קלאַפּט אַ גריל,
זינגט אַ פויגל וואו;
ווייס באַהעלט, ליגט די וועלט
אין דער ווייסער רו.

י. י. שוואַרץ

# קליינע לידער

## א

דורות ליכט און דורות ריינקייט
שטראָמען אין מיין בלוט;
אויף מיין מאַמען האָט אַ שיינקייט
צניעות'דיק גערוט.

אין מיין טאַטן האָט געגרונען
ייִדיש אַדלבלוט;
מיט דעם צער פון אָונט-זונען
מורא'דיק אין גלות.

און אין מיר האָט שוין דער שטן
צוגעמישט זיין פלאַם:
פרייד און טרויער, ליכט און שאָטן,
ברויזן ווי אַ ים.

## ב

מיר, וואָס גייען אין דער פינצטער,
בלינד און מיד און שטיל
מיט אַ פלוך אין שווערן האַרצן —
וואו איז אונדזער ציל?

מיר, גענאַרט פון גאָט און שטערן,
אין דער נאַכט אָן ליכט —
אפשר גאָר פאַרשלונגען ווערן
אין דעם תהום פאַר זיך?

## ג

שטרויכלען מיר ביידע ווי קינדער —
איז וואָס? נו, מיר זיינען דאָך קינדער;
עס לויכט דיר דאָס קינד פון די אויגן,
אַזאַ בליק פאַרמאָגן ניט זינדער.

אַזוי קוקט אַ מלאך געפאַלן
פאַרטריבן אַרויס פון גן־עדן;
אַזוי קוקן קינדערלעך קליינע
וואָס שמייכלען דורך טרערן פון פריידן.

ד

איצט זאָל געבענטשט זיין גאָט'ס האַנט,
וואָס האָט אויף מיין וועג מיך געפירט;
אויפגעוועקט האָט זי מיין זעל,
מיין האַרץ מיט איר פלאַם אָנגערירט.

גרויס און געבענטשט איז די האַנט —
זי האָט גליק און לייד מיר באַשערט;
לויבנדיק זינג איך איר רום,
די גרויסקייט פון גאָט אויף דער ערד.

ה

ברען אויף דיין אייגן פלאַם. עס וועט
דיך האַלטן וואַך פון פרי ביז שפּעט;
ס'וועט צינדן אין דיין אויג אַ בליץ
און צאַפּלען וועסטו זיך פאַר לייד —
זיי שטיל און שטאָלץ! די ציין פאַרקריץ
און פיל, ווי ס'האַרץ פאַרגייט, פאַרגייט.

און טאָמער גייט דאָס פייער אויס —
נעם וואַרף דיין האַרץ אין פלאַם אַריין:
וועסט זען ווי ליכטיק, שיין און גרויס
עס ברענט אַ האַרץ אין רויטן שיין.
עס ברויזט אַ פלאַם — זיי שטיל און שטאָלץ,
אַ האַרץ ברענט לויטערער פון האָלץ.

## ו

צו מאַקס באַנד׳ס אַ געמעל
פון אַ בערגל פּאַזימקעס

אַ בערגל פּאַזימקעס — און ס׳פלאַקערט העל
מיט ברענענדיקן רויט אויפן געמעל.
עס ווייט מיט גוטסקייט פון דער ערד און שפריצט
מיט זונאויפגאַנג, זונאונטערגאַנג און בליצט;
עס שמעקט מיט נעכט מיט אויסגעשטערנטע, מיט טוי.
מיט רעגן און מיט היץ און הימלבלוי.
אַ קליינער רויטער קיילעך, זיס־באַשווערט
מיט אַלע זאַפטן פון דער גרויסער הייסער ערד.

## ז

ווי די גאָלדענע און הייסע
פּערל טריפּוואַקס פון דער סאָסנע
אין אַ הייס־צעגליטן זון־טאָג —
שמעקט דיין קערפּער.

ווי די קילע פּיכטע בלומען,
ווען די רויטע זון גייט אונטער
איבער וואַלד און וואַסער — שמעקן
דיינע ליפּן.

י. י. שוואַרץ

# דער קרוג

ניטאָ נאָך אַזאַ מאַלער ווי אונזער גאָט
(מדרש)

ווער האָט דעם אײדעלן טײערן קרוג
באַטריבט און פאַרצויגן זײַן שײַן?
און ווער האָט אין קרוג אָנגעהויפּנט ביז פול
די טרויבן פון גיפט, אָנשטאָט ווײַן?

עס קאָכן די טרויבן אין גיפטיקן ברײַ,
אויף שטיקער צעשפּרינגט באַלד דער קרוג —
זאָל קומען דער מאַלער דער גרויסער צו גײן,
זאָל קומען און זאָגן: גענוג!

# מיטזומער

(סאָנעטן)

## א

**געזאַנג פון** מיטן זומער אינעם פעלד —
פון מידנסטן גרעזל ביז דעם העכסטן בוים,
פון קלאָרן וואַסער ביז דעם וויטן רוים —
דאָס ליד פון רייפקייט שפּראָצט און שפּריצט און קוועלט.

אין איבערפלוס פון קרעפטן ליגט די וועלט
פאַרשייט־צעשפּרייט אין הייסן זומערטרוים:
זי טרינקט דעם וויין צוזאַמען מיט זיין שוים
און שטראָמען זוניקע פאַרפלייצט, באַהעלט.

דער זומער זינגט און אַלץ זינגט מיט אין כאָר:
דאָס גרינע גראָז וואָס וויגט זיך הער־און־הין,
די בלויע כוואַליעס און דער גרינער ראָר,

דער עפּלבוים מיט עפּל ווי בורשטין,
די ווערבע מיט צעפלאָסענע מיט לאַנגע האָר,
די גרינע פראָש און גריל און גאָלדענע בין.

ב

דאָס שפּיל פון ליכט און שאָטן אויפן גראָז —
עס גיסט זיך דורך די בלעטער לויטער גאָלד —
אויף גרינע טעפּיכער ווי עמעראָלד;
די ענגלעך עפּל לויכטן גרינלעך־ראָז

און וויגן זיך אין שטילן ווינטל־בלאָז —
פאַר אַלץ וואָס איז געווען און האָט געזאָלט
באַקומט דאָס האַרץ איצט טאָפּלטן געצאָלט,
און ס׳קומט אַ טרער צום אויג אָן אַ פאַרוואָס.

דאָס שטילע זומער־ווינטל פלאַטערט, ווייט,
און ביימער אין דעם זונשיין רוישן קיל —
מ׳הערט די הייסע טריט פון טאָג וואָס גייט;

עס שפּרינגט אַדורך די גראָזיק־גרינע גריל,
פון קייט פון ווייטע בערג גייט אויף אַ פרייד,
און פייגלען זינגען, בינען זשומען שטיל.

ג

דאָס וואַסער גליט און גאָלדיקט זיך און בלויט
און גיסט זיך איבער מיט קאָליר און גלאַנץ;
ליגט איינגעפּאַסט אין לעבעדיקן קראַנץ
פון בליענדיקן גרין און ראָז און רויט.

דאָס ווינטל קושט די וואַסערן פּאַרטרויט
און פישלאַך גייען אויף דער אויבערפלאַך אַ טאַנץ;
עס גרינט און ווייסט די וואַסער־ליליע פלאַנץ
און ס'שטייט דער אַלטער ווערבעבוים און גרויט.

ס'איז גוט — ווי דאַן, ווען אין דעם ערשטן טאָג:
„זאָל ווערן ליכט" — האָט גאָט אַרויסגערעדט.
די קליינע כוואַליעס גייען טראָג נאָך טראָג

און טוען זיך צום שטילן ברעג אַ גלעט.
עס קנייטשט דאָס וואַסער זיך פון פונקען־שלאָג
און ליכט־צעשטראַלט און לויפיק אין זיין בעט.

## ד

די עפּלביימער וויגן זיך אין ווינט
אין שימערליכט פון מיטנטאָג צעשטראַלט;
די שטאַמען זייערע צעשפּאָלטן, אַלט,
נאָר יונג און פריש זיינען די קעפּ צעגרינט.

דורך גרין פון בלעטער פון געצאַקטע רינט
מיט פלאַמען גאָלדענע, דער ווינט באַהאַלט
די הענגלעך עפּל אין די בלעטער; ס'פאַלט
דער שאָטן פון אַ וואָלקן און פאַרשווינדט.

ס'איז שטיל. די ערד איז אָנגעזאָפּט מיט שיין,
זי פליצט אַריבער און זי לעכצט נאָך מער,
און יערט מיט זאַפטן ווי מיט רויען וויין.

די עפּלביימער שטייען אָנגעגאָסן, שווער,
זיי וואַרפן עפּל אין געדיכטן גראָז אַריין,
שטיל וויגנדיק די צווייגן הין־און־הער.

## ה

דער מערב ברענט אין רויזיק־רויטן פלאַם
און וואַרפט זיין אָפּשיין אין דעם גרינעם טאָל;
ער גיסט אַרונטער מיט צעגליטן שטאָל
אין ברייטן טאָל צעוואָרפן ווי אַ ים.

ס׳ברענט ליכטיק פון אַ סאָסנעבוים דער שטאַם —
די וועלט האַלט אין איר אָטעם מיטאַמאָל,
קיין זונג, קיין קלונג, קיין שלוכץ, קיין ווידערקול —
ס׳ברענט שטיל אין רויטן ליכט פון בערג די קאַם.

ס׳איז שטיל אין דעם ניט־דאַאיק ליכט וואָס גליט:
אין מזרח־זייט ווערט טונקעלער דאָס בלוי.
אַ גאָלדן שטערנדל לייכט אויף און גליט,

און אונטער אים דער רייף פון לבנה זילבער־גרוי;
פון ווייטע בערג אַ דופטיק ווינטל ציט
און גראָזן ווערן פייכט פון פרישן טוי.

י. י. שוואַרץ

# אין וועג

ס׳האָט ניט געטראָפֿן נאָך, אַז אין אַ לאַנגן וועג
זאָל איך ניט אָנבאַגעגענען אַזאַ מין קאַסטן:
ער שטייט אויפֿן פֿעראָן פֿון אײַזנבאַן, לענגאויס
פֿון לאַנגן צוג אויף לאַנגן פֿלאַכן שטופּוועגל.
אַמאָל — אין ליכט פֿון טאָג, נאָר מייסטנס אין דער נאַכט;
אַמאָל איז צוגענאָגלט צו זײַן דעק אַ קרענצל בלומען,
אַמאָל — דאָס אויך ניט. אַ שמאָלער לאַנגער קאַסטן,
וואָס פֿאָרט אין שוואַרצער נאַכט אַרײַן. ער פֿאָרט אַליין.
אַ מענטש, מיט אַלץ וואָס ער פֿאַרמאָגט ליגט אײַנגעפּרעסט
אין אָט די גלאַטע געלבלעך־ווײַסע ברעטער.
אַמאָל, טרעפֿט, אַז עס פּײַקלט איבער אים אַ רעגן,
אַמאָל שאַרכט איבער אים אַ ווײַכער זיסער שניי.
נאָר אײדער ס׳וועט די ערד אים צונעמען, אַרײַננעמען,
און אים אַרײַנפֿלאַנצן אין זיך — מאַכט ער אַליין
זײַן לעצטע אײנזאַמע נסיעה אויף דער ערד.
ער האָט געלעבט, געליבט, האָט אָפּגעטאָן זײַן אַרבעט,
ער האָט געמאַכט זײַן לעצטן חשבון מיט דער וועלט —
איצט איז ער פֿרײַ און פֿאָרט אַהיים. אַ גוטע נאַכט!

# דאָס ליד פון אָפּגעבליטן דור

**איך זינג** דאָס ליד פון אָפּגעבליטן דור —
אַ דור, פאַר וועלכן אַלע וועגן פון דער וועלט
זיינען געלעגן אָפן, ברייט און פריי צעהעלט;
עס האָבן זיך געעפנט האָריזאָנטן, ליכטיק, קלאָר,
געצויגן און געכישופ׳ט אין דער נייער ווייט.
אַ יונגער, שטאַרקער דור האָט זיך געטאָן אַ הויב,
האָט אָפּגעטרייסלט זיך פון אַלטן שטויב,
זיך אָנגעגורט מיט מוט און זיך באַנייט.

אָ, ווער געדענקט ניט יענעם גרויסן וועג
אין אָנהויב פון יאָרהונדערט דאָ אין לאַנד?
די וועלט איז יונג געווען און ניי און אומבאַקאַנט
און מורא׳דיק, ווי אין די ערשטע זיבן טעג.
און מיר — אַ פאָלק אַן אויסגעמאַטערט, אויסגעצערט,
געבויגן און געבראָכן און געוואוינט צום קנוט —
אונדז האָבן פייערן געצונדן זיך אין בלוט
ביים ערשטן טראָט אויף דער געבענטשטער ערד.

באַצווינגער פון דעם נייעם לאַנד, פון כנען־לאַנד,
דורך מוט און וואָגעניש, דורך מוז און נויט;
ווער ס׳האָט געזוכט אַ דאַך איבערן קאָפּ און ברויט,
ווער ס׳האָט געהאַט דאָס שאַרפע אויג און שטאַרקע האַנט.
ווער ס׳איז אַנטלאָפן מיטן לעבן פון פּאָגראָם,
געראַטעוועט, ווי פון אַ שריפה, ווייב און קינד,
ווער ס׳האָט געפאָלגט דעם רוף פון די אינסטינקטן בלינד,
און סתם אַזוי געלאָזט פאַרשלעפּן זיך פון שטראָם.

אַ גרויסע, שווערע, מעכטיקע אַרמיי,
וואָס האָט מאַרשירט מיט קלומיקעס, מיט זעק און פעק
צום „טרערן־אינדזל" פון דער שיפ׳ס צווישנדעק
און צו דער פאָלקס־אַכסניה וואָס אויף איסט־בראָדוויי.
אַ פעק און זעק באַזונגענע פון ראָזנפעלד
מיט ברענענדיקן פאַטאָס און מיט וויי —
דאָס זיינען פעק געווען פון אַנגסטן און געשריי,
וואָס ס׳האָט אַ וואַנדערפאָלק געבראַכט אין נייער וועלט

אַזויפיל ליכט, אַזויפיל וואַרעמקייט און מאַכט
האָט זיך געגאָסן ברויזנדיק און זיך געשפרייט;
אַזויפיל רחמים, האָפנונג, לייד און פרייד
און ציטערדיקע בענקשאַפט נאָך דער אַלטער פראַכט.
אָ, אַלטע פראַכט, פאַרמשפטע צום אונטערגאַנג
אין דעמאָלטיקן שטורעמדיק־צעברויזטן ים —
געבראָכן האָט דאָס לעבן קייט און צאַם
און אויפגעריסן אַלע דאַמבעס אין געדראַנג.

מיר זיינען הונגעריק געוואָרן נאָך ליכט און פרייד —
און יעדער וואונטש און יעדע תאווה און באַגער,
וואָס זיינען אַטראָפירט געווען, געשלומערט שווער —
זיי האָבן אָפגעריסן זיך, ווי הינט פון קייט,
אַוועק אין ווילדן הפקר־טאַנץ. צעשפרונגען איז
דער דרוק פון גרויע דורות אָן דעם שטיין,
פאַרקלונגען האָט דער אייביק־שטרענגער „ניין",
פאַרשעמט געוואָלגערט זיך אין שטויב אונטער די פיס.

אַ, רייכע אָרעמקייט פון יענער יונגער צייט
מיט גאָר איר פולקייט און איר אויסטערלישן חן —
געוויין דורך לאַכן און אַ לאַכן דורך געוויין
אין ענגשאַפט פון דער אויפגערודערטער איסט־סאַיד.
דאָס שמוציק־טונקעלע געפּראָפּטע טענעמענט־הויז
אויף טשערי, ריווינגטאָן און סטענטאָן און קאַנעל —
אין בריאָזג פון שווערע וועגענער, אין גרילץ פון „על״,
אין טאָג־און־נאַכטיקן געפּילדער און געברויז.

ווער ס׳האָט געקרענקט און ווער עס האָט געבענקט,
ביי ווענען ס׳איז די טרער געווען אַן אָפטער גאַסט;
ווער ס׳האָט געליבט און ווער עס האָט געהאַסט,
ווער ס׳האָט פאַרגעסן ניט געקענט — און האָט געדענקט.
נאָר ס׳האָט פון אַלץ און אַלעמען אַרום
מיט יוגנטלעכן גלויבן האָפערדיק געשפּראָצט,
מיט דער עקשנות׳דיקער קראַפט, וואָס שאַפט און טראָצט,
און שפּאַרט און ברעכט די גרעניצן פון ענגן תחום.

דאָרט האָט זיך אָפט די נשמה פון מיין פאָלק אַנטפּלעקט
אין באַרעמהאַרציקייט און טרייסט צו העלפן גרייט;
געשטראָמט מיט רחמים און געלינדערט לייד,
אַ ברידערלעכע האַנט דעם פרעמדן אויסגעשטרעקט.
אין גרויסער ענגשאַפט אַ געלעגער אים געבעט,
געגעבן אים צו זאַט געקעכטס מיט ברויט;
אים בייגעשטאַנען אין זיין שווערן טאָג פון נויט,
געוואַשן זיינע וועש, פאַרריכט און אויסגעגלעט.

כ׳געדענק אַ הויז, וואו ס׳איז דער לאָבן ברויט,
דאָס גרויסע קימלדיקע שוואַרצברויט ניט אַראָפּ
פון טיש; אין היימישן פאַרשוואַרצטן טאָפּ
האָט לונג־און־לעבער זיך געדעמפּט, צי זויערקרויט,
פאַרשמעקט די שטוב; און ווער ס׳איז נאָר אַריין —
אַ וויטער לאַנדסמאַן, וואָס האָט יענעם טאָג אומזיסט
„געמאָסטן גאַסן" און געבראָכן זיינע פיס,
און אַרבעט אומגעזוכט, פאַרקלעמט פון פיין;

צי סתם באַקאַנטע, פריינט פון טעכטער און פון זין —
די באַלעבאָסטע (גרינג זאָל זיין איר ברוקלינ׳ס ערד)
האָט זיך כלומרשדיקן „דאַנק" ניט צוגעהערט,
געגעבן צו פאַרשטיין דעם מיין פון „כל־דכפין"
און זיי באַזעצט צום טיש. מיט ברייטקייט, ניט געקאַרגט,
און מאַמיש־האַרציק זיי געוואונטשן אַפּעטיט —
אַריינגעקומען איז דער גאַסט פאַרשמאַכט און מיד,
אַוועקגעגאַנגען איז ער מונטער און געשטאַרקט.

צו פּערע־דינה׳ן און איר הויזגעזינט אַ לויב —
דער אשת־חיל פון דער ליטווישער קיידאַן,
וואָס איז געגאַנגען איר גאַנץ לעבן אין געשפּאַן —
מיט יראת־כבוד שטיי איך פאַר איר שטויב.
האָט אויסגעטראָגן אויף די פּלייצעס גאָר די זאָרג
און גאָר די לאַסט פון גרויסן הויזגעזינט;
און פרעמדע, ווי די אייגענע, געטריי געדינט
אין שווערן לעבן פון דעם יידישן ניו־יאָרק.

# די לאַסט פון ירושה

(פאַר יצחק שיוועך צו זיין בר־מצוה)

לאָד־אָן אויף די יונגע פּלייצעס
די לאַסט פון ירושה און טראָג —
די הייליקע גרויסע ירושה
פון סיני ביז היינטיקן טאָג.

די ייִדישע לאַסט פון ירושה
וואָס ברענט און וואָס ווערט ניט פאַרצערט
דורך פייער, דורך בלוט און דורך טרערן
אויף דאָרניקער־צאָרניקער ערד.

די לאַסט פאַר די ייִנגלשע פּלייצעס
איז שווער און איז מורא׳דיק גרויס —
נאָר ס׳שטראַלט פון דער משׂא דער שווערער
מיט לויטערער שיינקייט אַרויס.

און דו — וואָס אין קייט פון די דורות
ביסט זוכה היינט ווערן אַ רינג —
אַז דו וועסט דאָס ליכט נאָר באַנעמען
וועט ווערן די משׂא דיר גרינג.

י. י. שוואַרץ

# ניי־ענגלאַנד אין ווייסן

אַ קילע זון, געהילט אין ווייסע נעבלען,
שפּילט חנ׳עוודיק און גליט אויף שניי און אייז;
איין העלפט פון טייכל גרינט און בלויט און גיסט זיך,
די צווייטע העלפט ליגט איינגעפרוירן ווייס.

ס׳איז ווייס און שטיל. די וועלט האָט זיך פאַרטייעט
און הערט זיך צו איר אייגענעם אָטעם איין;
פון הויכער טיפעניש און ווייסן הימל
פאַלט דורכגעזיפּט געלייטערט קילער שיין.

אַזויפיל וועלדלעך ליכטיקע בעריאָזעס
מיט מיידליש ווייסן, זאַפטיק צאַרטן הויט;
די דינע אויסגעשטרעקטע צווייגן לייכטן
מיט גרינלעך בלויע קנאָספּן־אייז באַטויט.

די שורות דינע שלאַנקעביימער לעבן,
ווי העלע שורות פון אַ לעבעדיקן ליד;
פון ווייסן פאַרמהויז פון ווייסן בערגל
אַ ווייסער רויך צום הויכן הימל ציט.

נאָר ס׳גרינען טיף און שאַרף אויף אַלע בערגלעך
די נאָדל־ביימלעך פון דעם פראָסט באַגלאָזט,
און ס׳הויכט אַרויס מיט אַ פאַרהאַלטן אָטעם
דאָס קלאָרע קילע ליד פון ראָבערט פראָסט.

***

וואָס וואָלטן קאַנט, אָדער געטע, אין זייער גרויס חכמה געזאָגט
וועגן אַ מאָרד פון אַ פאָלק, וואָס זיצט פרידלעך ביי זיי אינעם לאַנד?
וועגן די הענט פון אַ פאָלק, זייער פאָלק, וועלכע רויכן פון בלוט?
קען זיין, ס'וואָלט עפּעס געזאָגט זיי דער דענקער פון „ריינער פאַרנונפט”,
קען זיין, דער שאַפער פון „פאַוסט” וואָלט אַראָפּ פון אָלימפּ,
עפּעס געזאָגט זיי אַזוינס — אָבער זיכער אין דעם בין איך ניט.

וואָס אָבער מיכה, דער מאַן פון מורשה, אויף דעם וואָלט געזאָגט,
צי עמוס פון תקוע, דער פאַסטוך — דאָס ווייס איך גענוי.

י. י. שוואַרץ

# דוד און נתן

(אין אָנדענק פון די אומגעקומענע יידישע
שרייבער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד)

**אַז דוד** האָט געוואָלט דאָס בית־המקדש בויען —
איז געקומען נתן און געזאָגט אים: „ניין!
„גאָט לאָזט ניט אַזאַ אַרבעט דיר פאַרטרויען,
„עס זיינען דיינע הענט פון בלוט ניט ריין.
„זאָל זיין, ס׳איז בלוט געווען פון דיינע שונאים,
„נאָר בלוט איז בלוט, און הייליק איז דאָס אָרט!"
און דוד האָט באַהאַלטן אין די הענט זיין פנים
און ניט אַרויסגעזאָגט קיין וואָרט.

און היינט, אין אונדזער וויסטן דור, אַז איינער,
אַ נייער דוד, גואל פון דער וועלט,
פאַרזייט אַ לאַנד אַן אויסדערוויילטס מיט ביינער
און טרינקט מיט בלוטן אָן דאָס נייע פעלד —
געפינט זיך ניט קיין איינציקער גערעכטער נתן,
זאָל קומען און זיין וואָרט זאָגן: „ניט גוט!
„עס שרייט דיין ברודער׳ס בלוט דורך דיר פאַרגאָסן,
„און קענסט ניט בויען אויפן יסוד פון בלוט!"

# טיטוס און רינדפלייש

טיטוס און רינדפלייש זיינען אויפגעשטאַנען פון זייערע קברים —
די אויגנלעכער מיט סם אָנגעגאָסן — מאַרשירן זיי אָרעם אין אָרעם.
אַ פּאַך מיט די אָרעמס, און ס׳קנוילן זיך גיפטיקע נעפּלען, וואָס דעקן
די ערד און די הימלען מיט טויטלעכע גיפטיקע פלעקן.
די זון איז פאַרטשאַדעט און וויגט זיך אַזוי ווי אַ שיכור,
די ערד איז צעטרייסלט, פאַרלוירן, צעריסן אויף שטיקער.
דאָס קברים־קול שטורעמט מיט טויט דורכן גרילץ פון טראָמפּייטן
און שניידט דורך דעם כדור־האָרץ פון איין ברעג צום צווייטן.

טיטוס און רינדפלייש גייען מיט געפאַנצערטע פויסטן,
און ס׳ציטערן וועלט און מענטש — אין שטראָם דעם צעברויזטן
פון טומאה און רשעות, ווערט ס׳ליכט פון דער וועלט אויסגעלאָשן,
און ס׳לעצט ביסל גוטס פונעם מענטשלעכן האָרץ ליגט צעדראָשן.
די צייט איז פון גוג־ומגוג, פון בלוט און רציחה און ליגן,
ווען ס׳ווערן געשווינט ניט אַפילו קיין קינדער אין וויגן.
אַפילו די מידת־הדין פון דער קויטיקער ערד איז געשטאָרבן —
טיטוס און רינדפלייש איין תליון און די וועלט איז איין קרבן!

1935

# ר׳ נחמן בראַצלאַווער אין איסטאַמבול אויפן וועג קיין ארץ־ישראל...

**די אָקרענטן** פון וועלט׳ס אַלע ים׳ען
האָבן אָנגעבראַכט סחורה אין האַפן:
באַלן סאַמעט און זיידנס וואָס פלאַמען,
פּאַפּוגייען און אַפּן און שקלאַפּן.

שמעקט מיט אויסטערליש־ווייטע מדינות
אינעם ווילדן געדראַנג און געליאַרעם;
און האַלב־נאַקעטע שלאַנקע שקלאַפּיניעס
ליציטירט ווערן דאָ פאַרן האַרעם.

און דער ים ליגט צעבליצט, אַ בלוי־גרינער
און די זון איבערן ים איז צעפלאַקערט;
און ר׳ נחמן — אַ הויכער, אַ דינער —
לויפט אין האַפן אום באָרוועס, האַלב־נאַקעט.

ער האָט ערגעץ זיין היטל פאַרלאָרן,
באָרד־און־פאות צעשויבערט, צעפלויגן;
און דאָס העמד איז צעפליקט און צעפאָרן,
מיט אַ שטריק אויף די לענדן פאַרצויגן.

ס׳האָט אַ יונג מיט אַ שטיין אים געטראָפן —
רינט אַ ריטשקעלע בלוט פון זיין שטערן;
און די ליכטיקע אויגן ווייט אָפן
אין געלייטערטן צער און דורך טרערן.

## געקליבענע לידער

נאָר די חדווה שטייגט איבער זיין ווייטיק
און עס עפענען זיך אַלע קוואַלן;
ס׳לויכט זיין בליק אַזוי האָפּערדיק־פריידיק
און עס טוט ווי דער ים זיך צעכוואַליען.

און סע זינגען געזאַנג אַלע גלידער,
און די פיס — ניט זיי גייען, נאָר שוועבן;
און דאָס האַרץ פון דער וועלט לעכצט אין ציטער
נאָכן אייביקן קוואַל וואָס גיט לעבן.

„אַכטי יה רבון עלם ועלמיא!"
— צווישן טרפה׳נע קולות און קלאַנגען —
ווי אַמאָל איז גאָט׳ס קנעכט ישעיה
נאַקעט און באָרוועס געגאַנגען.

# ר׳ משה חיים לוצאַטו אין טבריה
## (1746)

דאָ שטיי איך איינזאַם אויפֿן העכסטן שפּיץ
פֿון מיינע רייפֿע טעג. איך האָב אַמאָל
געמיינט, אַז דאָ, אין אויסגעטרוימטן לאַנד,
וועט פֿייערדיק צעבליצן זיך מיין בליץ
און דונערדיק וועט דונערן מיין קול
און אויפֿטרייסלען די אַלטע טויטע וואַנט.
כ׳וועל אונטערפֿירער פֿון דער שכינה זיין,
אַרויסצופֿירן זי פֿון גלות־נאַכט;
און ס׳וועט זיין ליכט באַשטראַלן זי מיט שיין,
מיט העכסטן שיין. עס ליגן אויפֿגעמאַכט
פֿאַר מיר די טיפֿסטע סודות פֿון דער ערד
אין שעה, וואָס מיר איז ברענגען זי באַשערט.

כ׳בין מיט מיין טרוים געקומען אויף דער וועלט
און ס׳האָט דער טרוים באַצוואונגען מיין געדאַנק;
די שכינה האָט צוקאָפּנס זיך געשטעלט
און דוד׳ס האַרף געמאַכט מיר אַ געשאַנק.
איך בין געווען אַ קוואַל פֿון ליכט און ליד
און ס׳האַרץ האָט ווי דער סנה אין מיר געברענט:
דער צער פֿון דורות האָט אין מיר געגליט
און האָט ביז היינט זיך שטילן ניט געקענט.
איך האָב די גאולה פֿאַרן אויג געזען —
אָט־אָט פֿאַרוואַנדלט זיך דער טרוים אין וואָר;
נאָר, ווי צו מיר, דער נס איז ניט געשען,
ניט זוכה איז געווען דערצו דער דור.

פון „אויסדערוויילטן״, טרוימער, וויזיאָנער,
געוואָרן אין אַ מאַן פון קאַמף און קריג;
דער ים פון האַס האָט זיך צעשטורעמט שווער
און זיינע כוואַליעס איבער מיר צעוויגט.
אַ „זעער״ בין איך — וואָס האָב איך געזען?
די אויפגעברויזטע מאַסן פון דעם טאָל
און ברידערקריג און חרם־ליכט אין ברען,
פון שוואַרצן שופר דאָס געבראָכן קול.
כ׳האָב מיין געזאַנג פון גאולה און פון פרייד
געזען אַוועקגיין אין אַ העליש פלאַם,
צי גאָר באַגראָבן לעבעדיקערהייט —
אַזוי פון פאַדוואַ ביז אַמשטערדאַם.

קען זיין, איך האָב צופיל אויף זיך געשטעלט,
קען זיין, איך האָב צופיל אויף זיך געבויט;
אַז וואו עס פאַלט מיין בליק נאָר אויף דער וועלט
באַגעגן איך נאָר טויט און טויט און טויט.
דאָס לאַנד ליגט חרוב, אויסגעברענט, פאַרלאָזט,
און ווי אַ וויסטער מדבר אויסגעשטרעקט:
קיין שאָטן פון אַ בוים, קיין פיצל גראָז,
אויף וועלכע ס׳זאָל זיך אָפּשטעלן מיט דאַנק
דאָס אויג. אַ טויטער גוף, צעקאַרבט, צעפלעקט
אין געל און ברוין. די זון אַפילו איז דאָ קראַנק:
זי ברענט אַכזריותדיק און גליט און בריט
אין געלן זאַמד, אין ברוינעם פעלדזנשטיין
און שרפה׳ט, נאָגט די מאַרך אויס פון געביין,
און שלאָגט אין קאָפּ און וואַקלט מענטשנס טריט.
און ווען זי זינקט אין מערב מיט פאַרנאַכט
איז זי געגליכן צו אַ פייערדיקן לייב,

וואָס קיניגט, הערשט, אין מורא׳דיקער פּראַכט
פון קופּער פון צעשמאָלצענעם און וואָלקנשטויב
און וועלטנדרויב. פאַרוואָר, פון אָט דער ערד
האָט גאָט דער האַר זיין פּנים אָפּגעקערט.

דאָס האַרץ איז שווער און קאָרטשעט זיך, פאַרגייט,
און זאָגט נביאות מיר אויף שוואַרצע טעג —
און איך האָב זיין געזאָלט דער אָנזאָגער פון פרייד
און אָנווייזער פון דעם באַפרייטן וועג.
עס וואַרטן אויף דער וועלט חברים, פריינט,
און לעכצן דורשטיק נאָך מיין וואָרט און וואונק —
נאָר טרוקן זיינען אַלע קוואַלן היינט
און שטום און אָפּגענומען איז מיין צונג.
ווייל ווי קען איך אַרויסלאָזן מיין רוף,
און וואָס קען איך דערציילן זיי פּאַר גוטס?
מיר זיינען, ווי דאָס לאַנד, אַ קראַנקער גוף,
אַ קראַנקער גוף אין וואונדן און אין שמוץ.
אַז טויטלעך הערשט דאָ ברידערקריג און האַס
און די צעריסנקייט איז שווער און גרויס;
דער הונגער און די פּעסט אין אונדזער גאַס,
און ס׳גייט דער טויט אַרום אין אונדזער הויז.
איך האָב קיין טענות ניט צום בייזן גזר,
מסתמא האָבן מיר פאַרדינט די שטראָף —
נאָר כ׳קען ניט צוזען מער די קינדער׳ס צער:
וואָס זיינען שולדיק דען די קליינע שאָף?
זיי שלייכן אום זיך, שאָטנס ביי די ווענט,
ווי בלודנע הינט, פאַרמאָרעט, אויסגעצערט;
נאָר אין די הונגעריקע אויגן ברענט
פאַרגלייזט און שטאַר די קללה פון דער ערד.

דאָס איינציקע וואָס ברענגט אַביסל רו,
אַביסל טרייסט און האָפנונג אין דעם פּיין,
איז מיר די נאַכט, וואָס שליסט די אויגן צו
און הילט די מידע וועלט אין שוואַרצן שיין.
אָ נאַכט, אַריבער די יהודה־בערג
אין גרויסער שוואַרצער פּראַכט, וואָס נידערט שטיל
און גלעט און רעדט פון גאָט און זיינע ווערק
און ווייט מיט צאַרטע סאַמעט־ווינטלעך קיל.
די שטערן גייען זייער אייביק גאַנג
און שימערן מיט גאָלד אין שוואַרצן בלוי;
און פרעש און גרילן זינגען נאַכטגעזאַנג
און ס׳טריפט מיט פינקלדיקע טראָפּנס טוי.
עס גייט די נאַכט מיט זינגעוודיקע טריט
און פליסט און שטראָמט מיט רחמים און מיט גנאָד;
ס׳נעמט רעגן זיך אין האַרץ ס׳פאַרשטומטע ליד,
דאָס ליד וואָס זינגט פון טיפעניש צו גאָט.
דער אַלטער צוזאָג לעבט נאָך דאָ אין לאַנד,
ס׳איז דאָ נאָך האָפנונג און ס׳איז דאָ נאָך טרייסט;
ס׳ווערט אָפּגעווישט די גרויסע שווערע שאַנד
און אויסגעברענט פון האַרצן ווערט דאָס בייז.
די אַלטע לייטער יעקב׳ס מיטן שפּיץ
אין הימל אָנגעשפּאַרט שטייט אַלץ נאָך דאָ;
מלאכים פלאַטערן אין שטערנבליץ
און נידערן אין דער באַשערטער שעה.
און אויב מיר זיינען בלינד און זעען ניט
און פאַלן וועט אין מדבר אונדזער דור —
פון אונדזער בלוט וועט ווערן אויפגעבליט
דאָס וואונדערלעכע לאַנד — ווי גאָט איז וואָר!

# די באַלאַדע פון דאָן־יצחק

אַז דאָן־יצחק איז אַוועק אין גלות
און פאַרלאָזט זיין געבוירנלאַנד —
האָבן ניט געוויינט די מזלות
און ס׳האָט ניט געציטערט זיין האַנט.

ס׳האָט דער מלך געוואָלט אים פאַרהאַלטן,
און די מלכה, די איזאַבעל —
נאָר זיי האָבן ניט גע׳פועל׳ט ביים אַלטן,
ביי דעם אַלטן אברבנאל.

גייט דאָן־יצחק — דער קאָפּ געהויבן
זיינע האָר, ווי ווייסער וואָל;
זיינע אויגן גליען אין גלויבן,
שאַרף זיין בליק ווי געשליפן שטאָל.

ניט געראַטעוועט רייכקייט און גיטער,
ניט פערל, ניט גאָלד, ניט דימאַנט;
אַלץ געלאָזט פאַרן גרויס־אינקוויזיטאָר
און זיין קאַרגער גייציקער האַנט —

נאָר געראַטעוועט האָט ער זיין נשמה
און זיין נשמה איז ליכטיק, קלאָר,
און ער שפּרייט אין זיין וועג די זאָמען,
פונקען ליכט ביז צום וויטסטן דור.

און משיחישע וויזיעס גליען
און זיי טוען צו אים זיך אַ בויג —
ס׳טוט דער וועג זיך אַ ליכטיקער ציען
און דערפרייט דאָן־יצחק׳ס אויג.

האָט אים שפּאַניע אַרויסגעשפּיגן —
איז דאָך אומעטום אייגן גאָט׳ס ערד,
וועט ער ציען דעם אַלטן ניגון
וואו ס׳איז ערגעץ וואו רו אים באַשערט.

זיינע פאַרמעטן ליגן אין קוישן
און די אייזעלעך שטייען גרייט —
און לולבים אויף די פּאַלמען רוישן
און זיי רוישן: דאָן־יצחק גייט!

י. י. שוואַרץ

# דער אבן־עזרא אויף אַ רייכער חתונה אין לאָנדאָן

מאַני־לייבן אין אָנדענק

**דער אַלטער** פּאָעט האָט געשלעפּט זיינע טריט
דורך מיילן פון נאַכטיקע גאַסן;
געווען איז ער דורכגענעצט, הונגעריק, מיד,
אין לאָנדאָנער פּאָגע אַן עלנטער ייִד,
אין מאַנטל אין שווערן און נאַסן.

צום גליק האָט ער ענדלעך געפונען דאָס הויז,
איז קוים מיט די כוחות דערגאַנגען —
פאַרשפּעטיקט די חופּה. די שמחה איז גרויס,
ס'איז וואַרעם און ליכטיק און פריידיק דורכויס,
און ס'האָט די מוזיק זיך פאַרגאַנגען.

אוי, ייִדישע שמחות, פול שטייגער, מאָראַל,
וואו ס'ווייקט זיך דאָס נחת אין טרערן —
מאָטיוו פון די פידלען פון ליידן אַ קוואַל,
אין חתונה־טומל פון פריידיקן זאַל
אַ צער און געוויין לאָזט זיך הערן.

קרישטאָל־קאַנדעלאַברעס מיט ליכט אָנגעשטעקט
באַלייכטן באַלאָדענע טישן
מיט כל'ערליי גרינסן און פרוכטן געדעקט,
מיט ריזיקע שטריצלען און זיסן געבעקס,
מיט קאַפּהענער, פליישן און פישן.

די נאָנטע געהויבענע געסט אויבנאָן,
וואָס טוען די שמחה באַצירן;
חתן־כלה צווישן דער גאָלדענער פּאָן,
די ווײַטערע געסט לויטן יחוס און טאָן,
די אָרעמעלײַט ביי די טירן.

עס וויינען די פידלען און ריידן געבעט,
עס כליפּען באַנדורעס און ברומען;
עס קלינגען די טאַצן, עס רופט דער קלאַרנעט
און קיינער באַמערקט ניט דעם אַלטן פּאָעט —
נאָך איינער אַ קבצן געקומען.

אַן עלטערער ייִד, גרוי דער קאָפּ און די באָרד,
זיין ראָק איז צעקנייטשט ווי זיין פּנים;
די ליפּן צונויפגעפּרעסט, רעדט ניט קיין וואָרט —
האָט איינער אַ סאַרווער פאַר אים געמאַכט אָרט
צווישן די לעצטע קבצנים.

הוי, וואַנדער־און־וואָגל געמאַכט האָט אים מיד,
זיין ליכטיקן קאָפּ אים געבויגן;
געבראָכן זיין מוט און פאַרטונקלט זיין ליד,
זיין צונג און זיין מויל ווי מיט קייטן געשמידט,
פאַרלאָשן דאָס ליכט פון די אויגן.

עס שוימען קרישטאָלענע קרוגן מיט וויין
און גיסן זיך איבער אין בעכער;
אין צאַרטן און רויטן און פליסיקן שיין —
גיט וויין צום פאַרביטערטן מענטש אין זיין פּיין,
זאָל שטייגן די שמחה אַלץ העכער!

און ביסלעכווייז האָט זיך זיין עלנט געשטילט,
זיין שווערער געמיט איז פאַרשוואונדן:
דער ווייַן האָט דאָס זייַניקס געטאָן, זיך צעשפּילט,
און האָט אים געוואַרעמט און אים געקילט,
און פונקען אין בליק אים געצונדן.

דאָס פּנים געוואָרן איז אויפגעלעבט־שיין,
זיך אויסגעגלייכט האָבן די גלידער;
די קנייטשן ביים מויל פול מיט קינדישן חן,
דער שטערן דער הויכער איז לויטער און ריין,
אַ נעסט פון חלומות און לידער.

פּאָעט, טיפער דענקער און ליכט פון זיין דור,
דער אייביקער דורשטער נאָך וויסן;
דער פאָרשער פון תורה, שאַרף, בליציק און קלאָר,
דער מייסטער פון שפּראַכן און מאַן פון הומאָר,
דער חכם און ריז צווישן ריזן.

האָט ער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט — האָט דאָס וואָרט
ווי אַ גילדערנער רענדל געקלונגען;
פול בליץ און פול שאַרפזין געוועזן איז דאָס וואָרט
געדאַנק און געפיל און האַרמאָניע געפּאָרט —
דאָס וואָרט האָט געלעבט און געזונגען.

און נאָך אַ וואָרט האָט זיך צעליכטיקט, צעהעלט,
געטאָן ווי אַ דימענט שעמרירן —
און ס׳האָבן די טענץ און מוזיק זיך געשטעלט
צו האָרכן די רייד פון דער חכמה וואָס קוועלט —
קיין וואָרט ניט קיין איינציקס פאַרלירן.

ער האָט פונעם לעבן פון מענטשן גערעדט,
וואָס ווערט דורך יסורים נתעלה;
פון קינדהייט און עלטער, פון הונגער און זעט,
פון זיין נע־ונד איבער לענדער און שטעדט,
פון פריידן פון חתן־און־כלה.

גערעדט פון זיין היים, פון קאָרדאָווע דער שטאָדט,
און אַלץ וואָס זי האָט אים געגעבן;
פון דיכטער און ליכטער אין פשט און אין סוד —
דער חתן שפּרינגט פּלוצים פון שטול אויף — ער האָט
דערקענט זיין אַמאָליקן רבי'ן.

און ס'מאַכן אַ וואַרע די חתונה־לייט
און שפּאַלטן אַ וועג פאַרן חתן;
ער שפּאַנט דורכן זאַל און די כלה ביים זייט,
און שלייער פון טול און אין שאַרכיקן זייד,
צום טיש וואָס ביים טיר זיך געלאָזן.

הוי, שפּילט אויף, כלי־זמרים, מיט פייער און ברען,
מיט יראת־הכבוד און ציטער,
לכבוד דעם מאַן וואָס האָט אַלעס געזען,
האָט אַלעס באַנומען, קיין זאַך ניט פאַרזען,
לכבוד דעם הערלעכן ריטער.

און ס'האָט זיך די שמחה צעברויזט און צעשפּרייט,
כאָטש נעם שעפּ זי אָן פולע עמער;
אין קעפּ און אין הערצער מיט פלאַמען געוויִיט,
מיט לויטערער, טיפער, ניט־ערדישער פרייד — —
און דאָס איז דער סוף פון מיין זמר.

י. י. שוואַרץ

# די עלעגיע פון אויסגעהאַקטן עפּל־גאָרטן

**די אַלטע** עפּלביימער ליגן אויסגעריסן —
הרוגים אין דעם ווייסן שניי. פאַרשוואַרצט, געקאַרבט,
פון לאַנגע שווערע יאָר פון אויפגיין און פאַרגיין,
פון זומערדיקער היץ און ווינטערדיקער קעלט,
פון ווינט, פון שטורעם און פון בליץ. איצט ליגן זיי
אַרויסגעשאָסן מיט די וואָרצלען אין דעם שניי,
און אויף די וואָרצלען הענגען געלע גרודעס ערד —
ווי אויסגעריסן מיטן פלייש. די ווינטער־זון
הענגט נידעריק און אָוונטיק און קאַלט
און פאַרבט דעם גרינלעך־בלויעם שניי אין רויט,
און שפּיגלט זיך אין בלאַנקן שטאָל פון זעג,
וואָס שניידט זיך אין אַ בוים.

אַ עפּלבוים!
געגליכן צו דעם מענטש אין אַלע זיינע תקופות:
עלאַסטיש, חנ'עוודיק און שפּילעוודיק ווען יונג
אין פלאַטער פונעם ווינט; צעפּראַכטיקט און צעבליט
און ווי אַ כלה אויסגעצירט אין ווייסן צוויט
און יוגנטלעכן גלי. אין רייפקייט פון די יאָרן —
מיושב'דיק, באַזעצט, מיט ברייטער בלעטערקרוין,
מיט צווייגן זאַפטיקע, וואָס בויגן זיך פון לאַסט
פון שווערע, פולע, אָנגעזעצטע עפּל —
בוירשטין און רויט. די פייגל פלאַטערן
און צוויטשערן אין בוימיקער געדיכטעניש,
און שווערע בינען זשומען גאָלדיק אַ געזאַנג

צום בוים און זיינע פרוכטן. נאָר אין גאַנג פון יאָרן —
פאַרגלייכן קען מען זיי צו אָפּגעלעבטע זקנים:
זיי שטייען שטיל און שטאַרצן צו דער זון
מיט צוויגן־הענט רעוומאַטיש אויסגעקרימט,
מיט קראַנקע גופים, דורכגעלעכערט און צעפוילט —
ביז ס׳קומט דער באַלעבאָס מיט דינאַמיט און זעג
און רייסט זיי אויס פון פלאַץ.

דער טאַטע מיטן זון —
זיי אַרבעטן געשמאַק. די פנימ׳ער פאַרברוינט
פון זון און ווינט, צעהיצט, מיט בלויזע קעפּ,
מיט קאַלטן גרינעם גלאַנץ אין בלויע אויגן.
ס׳איז שטיל אַרום, נאָר ס׳קריצט די שלאַנקע זעג,
די שאַרפע ציינער פרעסן זיך אין האָלץ.
די סטויג פון גלייכע רונדן הייבט זיך, וואַקסט;
די קאָרע איז צעקנייטש, און דאָ און דאָרט צעפוילט,
נאָר ס׳לייב פון האָלץ מיט ניי־אַנטפּלעקטע רינגען
איז פריש נאָך, געלבלעך־רויט און טרעריק־פייכט.
און אין דער אָוונטיקער ווינטערדיקער לופט
גייט אויף דער ווייגעשמאַק פון עפּלבוים,
מישט אויס זיך מיטן פרישן ריח פון דעם שניי.

י. י. שוואַרץ

# אין מדבר פון די לייבן

## (פּלאַץ פון דער אַמאַליקער אינקוויזיציע אין מעקסיקאָ)

**אויך דאָ** האָט זיך געגאָסן אונדזער בלוט — עס זיינען עדות
די סאָסנעס אוימגעהויער ריזיקע, די אַלטע זיידעס,
וואָס וויגן זיך אין גאָלדן־זונליכט צוטרוילעך און קיל
און וואַרפן לאַנגע שאָטנס בלוילעכע, פאַרטראַכט און שטיל.
און נאָך אַן עדות, נאָך אַ נענטערער און אַ באַגלויבטער
איז דער קאָנווענט דער אַלטער, האַלב־צעפאַלענער, פאַרשטויבטער:
ער שטייט אַן אָפּגעריסענער, מיט לעכער אין די ווענט,
אַ גרויסער אויסגעהוילטער גולם־גוף, אָן פיס, אָן הענט —
עס רייסן זיך אין בלויער הויך די טורעמדיקע שפּיצן,
נאָר ס'זיינען דורות־לאַנג שוין גלאָק און צלם אויסגעריסן,
און דאָ און דאָרטן פעלן אויס אים גאַנצע שטיקער דאַך,
און אַלטע סאָסנעס פּרוּוון געבן אים אַביסל סכך;
זיי שאָטענען אַריבער אים און וויגן זיך פון אויבן,
און שוואַלבן פליען דורך קאַרניזן און עס וואָרקן טויבן —
נאָר אונטן, אין די ווינקלען, שאָטנט זיך מיט נאַכט און גרויל,
און אָפּקלאַנג פון די טריט — אַ קרעכץ פון אַ פאַרקרעמפּטן מויל.

אַן אָפּגעריסן באַרוועס ייִנגל — אונדזער קליינער פירער —
אַן אייניקל פון פייניקער, צי אפשר פון מאַרטירער,
דערלאַנגט אַן אָנגעצונדן ליכטל מיר און לאָזט זיך גיין
אַרונטער מיט געדרייטע טרעפּ, געהאַקט אין שווערן שטיין.
דאָס האַרץ נעמט קלאַפּן האַסטיקער, עס שלאָגט מיט לופט מיט קאַלטער
וואָס הויערט נאָך מיט גרויל פון וויסטן מיטלאַלטער.
די צייט האָט שווינדלדיק אַ רוק געטאָן זיך אויף צוריק —

פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט פאַרבינדן זיך מיט שטריק.
אָט איז ער דאָך דער טאָל פון טויט, דאָס גיהנומדיקע קאַמער,
דאָס פּלאַץ פון מענטשנס רשעות, פייער צוואַנג און האַמער —
און אויך דאָס פּלאַץ וואָס האָט געצויגן קדושה פונעם בלוט,
וואָס האָט געברויזט, געשפריצט אונטערן פייף פון קנוט.
פאַרגליווערט אויף די ווענט, אויף שטיין און באַלקן זייִנען שפּורן
פון טויטלעכן גערּאַנגל און פון גופים אין טאָרטורן;
אין דעם געפּרעסטן חלל פון דעם קעלער גייט אַ ווינט
און ס׳ווייט מיט אימה פון דעם מורא׳דיקן לאַבירינט.

די פלעמלעך פון די ליכטלעך ציטערן ווי רויטע אויגן
און שוואַרצע שאָטנס ווערן ווי די פלעדערמייז צעפלויגן;
אין אויער קלינגט די שטילקייט פון דער אונטערערד און שרייט —
פאַרשוואונדן ערד און זון און הימל און פאַרווישט איז צייט.
עס קייטלען זיך די קאַמערן פון שטיין איינס אין דעם צווייטן,
צונויפגעפּרעסט אין בויך פון ערד און אירע איינגעווייטן:
ס׳ליגט נידעריק און דריקט דער שוואַרצער שטיינערנער סופיט,
און אָן אַן אָפּקלאַנג שאַרן זיך די פיס אָן דעם גראַניט.
אַ וועלט מיניאַטור, געהאַקט פאַר דיינע ברידער וועגן
און פאַר דעם אַלטן מעקסיקאַנער שבט, די אַצטעקן —
דאָ האָט מען זיי, ווי איילבירטן, געפּרעסט אין טיגל פּיין
און טראָפּנסווייז געצאַפּט זיי ס׳בלוט, ווי גוטן אַלטן ווייַן.
און איז די האַנט פון תליון אויף אַ רגע שטיל געבליבן —
האָט מען צוריק זיי אין די שטיינער־נאַרעס דאָ פאַרטריבן,
מיט צײַן פאַרקריצט, מיט בליק פאַרגליווט, צעבראָכן גליד פאַר גליד —
אין פייער וויזיעס איינגעוויגט, אין קייטן איינגעשמידט.

דאָס האַרץ נעמט ברומען ווי אַ פידל, זיינע סטרונעס קלינגען,
און ווייגעשריי און שלוכץ פון דורות לעבן אויף און זינגען:

די אַלטע כראָניק, דורכגעווייקט אין טרערן און אין בלוט,
באַקומט געשטאַלט, ווערט בולט־לעבעדיק אין דער מינוט.
די קייטן זיינען לאַנג ניטאָ, אין ברייטער וועלט צעטראָגן,
נאָר קענטיק איז דאָס פּלאַץ נאָך, וואו געוועזן צוגעשלאָגן:
דאָ זעסטו נאָך אַ ברעטל איינגעמויערט אין דער וואַנט
און דאָרט דעם שפּור פון שטאָל און אייזן אין דעם פּעלזנקראַנט.
עס ציען זיך די הענט פון זיך אַליין די וואַנט צו גלעטן:
דאָ האָט אַמאָל אַ מענטש דורך נעכט זיך אָנגעשפּאַרט, געבעטן,
אין אָפּגעהאַקטע פּסוקים פונעם תהלים טרייסט געזוכט,
און אפשר גאָר זיין גאָט געשאָלטן, פּיבערדיק געפלוכט.
דער שוואַרצער קעלער ברענט אין מאַרטער פייערן געצונדן
און ס׳עפענען זיך אויף די אַלטע בלוטנדיקע וואונדן,
און שטומע ווענט און דיל און באַלקן גייען אויף אין קלאַנג —
און ס׳גליט און ברענט אין אייביקייט דאָס בלוט און בראַנד געזאַנג.

און ווידער שטיל און טויט. דער לעצטער קאַמער אינעם קעלער —
דאָ בלאַנדזשעט ליכט אַריין, דער קאַמער שיילט אַרויס זיך העלער.
אַ פענצטערל איז אויסגעהאַקט אין וואַנט, אַ שמאָלע לאָך,
און ס׳גרויען פּיכטע ווענט, פאַרשימלטע מיט גרינעם מאָך.
אין שווערן דיל אין שטיינערנעם, אין רעכטן מיטן,
אַ ברייטע רונדע גרוב, ווי אַ באַסעין, איז אויסגעשניטן
און וואַסער ריזלט נאָך פון קוואַלן אונטערערדישע אַהין —
אַ שנירל אַ פּאַמעלעכס רינט און רינט אַלץ טונקלגרין.
און רוישן רוישט עס שטיל, ווי ס׳וואָלט געהאַלטן זיך אין קלאָגן
פאַרוואָס אים איז באַשערט אַהער זיך צו דערטראָגן
אין גרוב אין פינצטערער פון פרישן שלאָגנדיקן קוואַל,
אָן ליכט פון בלויען פּערלדיקן הימל, אָן אַ זונענשטראַל.

## געקליבענע לידער

אַמאָל האָבן דאָ מעכטיקע געיאָגט די קאַלטע שטראָמען,
געפּלייצט, געשוימט, געווירבלט, גרויס געמאַכט גאָט׳ס טאָמען,
אין שיין פון שוואַרצן ליכט, אין פייערן געשפּיגלט זיך אין רויט —
איצט פאַלט עס שטיל, אַן כוחות, אויפן טויטן דעק און גרויט.

...אין דרויסן ליגט דער וואונדערלעכער טאָל אַ רואיק־ברייטער,
ווי ווייט נאָר ס׳קען דאָס אויג דערגרייכן, אַ צעשפּרייטער,
אין ריזנבערג און אייביקע פאַרשלאָסן און פאַרמאַכט —
און פייגל זינגען אין דעם טראָפּיש־וואַרעמען פאַרנאַכט.
אַנטשוויגן ליגט דער טאָל, קיין גראָז, קיין בלעטל טוען זיך ניט רירן,
דער טיפער בלוילעך־גרינער הימל גליט אין גאָלד־קאָלירן,
ניט ראָז, ניט רויט — נאָר גאָלד, צעשמאָלצן גאָלד, בורשטין,
וואָס גיסט זיך איבער מיט קאָליר פוןברייטן טאָל און גרין.
די סאָסנעס גאָלדיק־גרין און יעדע נאָדל גליט באַזונדער,
די שווערע תפיסה־ווענט אַפילו גאָלדיקן אויף וואונדער.
אויף אַלץ ליגט אויסגעשפּרייט גאָט׳ס פליגל און זיין גרויס גענאָד,
און אַלץ באַהעפט זיך און פאַרפלעכט זיך אין דער אייביקייט פון סוד.
דעם מענטשנ׳ס שלעכטס און שנאה, לייד און פרייד ווערן צערונען,
דאָ ליגט אַ וועלט אַ ליכטיקע אין פעדים גאָלד פאַרשפּונען.
אין חסד ליגט דער לייבן־מדבר, גאָרנישט איז געשען — — — —

# די שפּאַניערין

**די שלאַנקע** שפּאַניערין מיט דער אַליוון־צאַרטער הויט
אין שוואַרצן זיידנקלייד און שאַל פון שאַרלאַך־רויט —
האָט צוגעצויגן איטלעך איינעמ׳ס בליק אין הויז.
דאָס קליינע שטרענגע מויל ווי אַ פאַרמאַכטע רויז,
דאָס לענגלעכע אָוואַלע פּנים שאַרף געטאָקט,
די שוואַרצע ראָבנהאָר פון קליינעם קאָפּ געלאָקט.
זי שפּאַנט מיט איינגעהאַלטענעם און שטאָלצן טראָט,
ווי זי וואָלט אומטראָגן אין בלוט אַן אַלטן סוד.
די ברוינע סאַרנע־אויגן אָנגעזאַפּט מיט צער,
ווי אייביק וואָלט אויף איר געלויערט אַ געפאַר,
וואָס ס׳איז פאַר איר אַליין ניט קלאָר און אומבאַוואוסט —
און ס׳גלימצערט, בליצט אַ גאָלדן צלם אויף איר ברוסט.

נאָר איינמאָל האָב איך זי געזען אין אַ פאַרנאַכט
פון זעקסטן טאָג אין וואָך. זי איז אַראָפּ באַזאַכט
אין קעלער פון אַפּאַרטמענט־הויז; געפירט ביים האַנט
איר טעכטערל איר קליינס, און ביי דער וייטסטער וואַנט,
אין ווינקל אין דעם טונקלסטן, געשטעלט צוויי ליכט,
זיי אָנגעצונדן און פאַרדעקט איר ליב געזיכט.
דאָס טעכטערל, אַ שיין און קליין פינפיעריק קינד,
האָט נאָכגעטאָן איר יונגער מאַמען, און געשווינט
פאַרשטעלט איר פּנימ׳ל. געשטאַנען אַ מינוט
אין סודות׳דיקער שטילקייט, ווי פאַרכישופטע געררוט,
און הינטערווילעכס און מיט קליינע טריט, אַרויס
פון ליכט־און־שאָטנדיקן קעלער פונעם הויז.

# די ספר־תורה אויפן ברעג פון סאַנטאַ־דאָמינגאָ

(דערציילט פון אַ שליח־מיוחד)

...און אויפן פינפטן טאָג אין קאַריבעאישן ים
זיינען מעוועס מקבל־פּנים זיין אונדז געקומען;
געשימערט שניי־ווייס אין דעם זוניקן פלאַם,
זיך געקרייזט אַרום שיף און אין וואַסער געשוואומען.
אַזאַ ליכטיקער ים, אַזאַ ברייטקייט און ווייט,
אַזאַ גרין־בלויער אויסשפּרייט, וואָס פלעמלט אין ציטער;
און דער שטראַליקער הימל פון העל־בלויעם זייד
און אַ פּאַכן פון פליגל אין פלאַטער און פליטער.
פונעם בלוי האָט געגומען זיך אויסשיילן לאַנד,
וואָס אַ רגע געקומען אַלץ נענטער אַנטקעגן;
און באַלד זיינען, ווי אויף דער פלאַך פון אַ האַנט,
געלעגן די טראָפּישע זוניקע ברעגן.
סאַראַ שטילקייט און רו — אין דער ליכטיקער הויך
האָבן בערג זיך געשטרעקט, ביזקל הימל דערקומען
אין אַ בלוילעך־פיאָלעטן נעבל ווי רויך —
נאָר אָט איז די שיף צו דעם האַפן דערשוואומען.
און אַז איך בין אַרונטער פון שיף אויפן ברעג
האָב איך אין די אָרעמס דעם ספר געטראָגן —
אַ קליינע ספר־תורה, אַ פאַרנייטע אין זעק —
נאָר ס׳האָבן די עץ־חיימס מיט פונקען געשלאָגן.
זיך געראַטעוועט האָט זי פון דאַנציג אין צייט,
און דורך אַלע סכנות זיך אַדורכגעריסן —
ביז זי האָט אין דער פרעמדער טראָפּישער ווייט

אין דער מחנה פון פליטים אַצינד זיך באַוויזן.
צוויי הונדערט זיינען זיי אויפן אינדזל געווען,
און צוויי הונדערט שטאַרק אינעם האַפן געשטאַנען —
געטוליעט ווי שאָף אין דעם טאָגיקן ברען
פון דעם ווילד־פרעמדן אינדזל; געקומען פון וואַנען
די וועלט האָט אַן עק; אָנגעטראָגן מיטן ווינט,
מיט צעבראָכענע וואָרצלען און צעפליקטע צווייגן,
מיט די יונגע און אַלטע, מיט ווייב און מיט קינד,
און מיט אויגן וואָסריידן אין פאַרעקשנ׳טן שווייגן.
זיי האָבן אין צוויי גלייכע שורות זיך געשטעלט
און איך בין אַדורך צווישן זיי אינמיטן —
און אַ שעה פון רחמים איז אַראָפּ אויף דער וועלט
און גערוט אויף דער עדה פאַרפייניקטע ייִדן.
און די מיילער האָבן געשריען אַ שטום געשריי,
און ווי בלוטיקע וואונדן זיינען צוגעפאַלן ליפּן;
און דער גאַנצער עלנט און דער גאַנצער ווי
האָט געשפּאַרט פון העלדזער דורך פאַרשטיקטן כליפּען.
און טרערן זיינען געפאַלן, געבריט מיין האַנט,
און גענעצט דעם זאַק פון קליינער ספר־תורה —
און די רויטע עץ־חיים׳ס האָבן געברענט אין בראַנד
און אויף אַלץ האָט גענידערט אַ געטלעכע מורא.

# פופציק ספרי־תורה

(באַלאַדע)

אויף דער שטויביקער פּאָליצע פון ביבליאָטעק
ליגן פופציק ספרי־תורה איינגעוויקלט אין זעק.

פופציק פּליטים פון דאַנציג, וואָס אויף יענער זייט ים —
אַנטלאָפן מיטן לעבן פון רציחה און פלאַם.

כל־המינים ספרי־תורה, פון פאַרשיידענער גרויס,
פון רייכן בית־מדרש און פון אָרעמען קלויז,

פון די יוסטע בעלי־בתים און לומדים פון שול
און די מענטשן פון נאָדל און זעג און קאַפּול.

פופציק ספרי־תורה איינגעוויקלט אין זעק —
אַנטלאָפן פון פייער און רוצחישע העק,

ליגן אויף דער גרויער פּאָליצע פאַרשעמט
אין שטויביקן שאָטן פון באַלקן און ווענט.

און אַמאָל האָבן לאָמפּן איבער זיי געבליצט
און די שמחה האָט פון אַלע זייטן געשפּריצט.

ס'האָט געקלונגען דער כתר מיט גאָלדיקן קלאַנג,
מיט אַ פּלעסקען פון הענט און אַ פריידיק געזאַנג.

אין די מענטעלעך — סאַמעט, מיט בלאַט און קוויט,
מיט לייבן און הירשן אין זייד אויסגעניית.

און געפלאַטערט, געציטערט איבער זיי האָבן בערד —
תנו כבוד לתורה! — געאַכפּערט, געערט.

פּופּציק ספרי־תורה — אָנשטאָט סאַמעט — זעק,
אָפּגעריסענע פּליטים אויף אַמעריקע׳ס ברעג.

און די אַלטע שכינה הויערט איבער זיי,
הויערט איבער זיי אין אַ שטום געשריי.

# אַ ליד צו ישׂראל

**אַ, אַלטער** חלום, אויסגעוויטיקטער, געטרייער,
נשמה פון מיין פאָלק, זיין טרייסט און גלויבן —
האָסט ווי דער פעניקס פון זיין אַש זיך אויפגעהויבן
און אויפגעשטאַנען פון דיין בלוט און פייער.
עס האָבן דיך געכאָוועט גרויסע טרוימער
און איינגעפלאַנצט אין דיר אַן אייביק לעבן,
פאַרקניפּט מיט אַלע דיינע צעלן און געוועבן —
און ס׳איז דאָס גאַנצע פאָלק געווען דיין שומר.

דורך אַלע פייערן פון לאַנגע גלות־יאָרן —
ווען דו ביסט וויסט געלעגן און פאַרבלוטיקט
האָט דיר דאָס פאָלק געגעבן כוח, דיך געמוטיקט,
דו ביסט פאַרברענט, דאָך ניט פאַרלענדט געוואָרן.
דערפאַר האָסטו אים אויך מיט פולער האַנט געגעבן:
פאַרגיטיקט און באַלוינט צעבראָכענע געמיטער,
אַרויסגעוויינט טאָגטעגלעך האָפענונג פון סידור,
ס׳געזאַנג פון תהלים האָט געטרייסט דאָס לעבן.

און אומעטום וואו ס׳איז דאָס וואַנדערפאָלק געגאַנגען
און האָט אויף פרעמדער ערד זיין ליד געזונגען
האָט אַלעמאָל אַ סטרונע פון דיין האַרף אים נאָכגעקלונגען,
געציטערט און געוויינט און זיך פאַרגאַנגען.
ביז היינט אין אונדזער טאָג, פאַר אונדזערע אויגן
האָסטו זיך אויפגעהויבן פון דיין אַש און דיינע וואונדן,
פון אַלטן חלום איז געוואָרן וואָר, זיך אָנגעצונדן
און שטראַלט מיט אַלע פאַרבן פונעם רעגנבויגן.

אַ לויב און רום צו קעמפּער און צו בויער,
צו די געשטאַלטער און די אויסשמידער פון ווערטן —
צו די וואָס גיסן זייער שוויס אין דיינע ערדן
און צו די אָפּהיטער און קריגער אויפן מויער.
אַ לויב ישראל׳ס יונגע זין און טעכטער
און רום צו די וואָס זיינען אינעם קאַמף געפאַלן —
אין דערנערקרוין פון פאָלק וועט זייער נאָמען שטראַלן,
אַ לויב און רום! דער קאַמף איז אַ גערעכטער!

אָ, ערד צעוויטיקטע! פאַרוואונדיקט און צעטראָטן,
צעטראַמפּלט פון דער גאַנצער וועלט׳ס קאָהאָרטן —
גיב גאָט, זאָלסט ווערן ווי אַ בליענדיקער גאָרטן,
וואָס זיצט אויף שטראָמען וואַסערן אין זון און שאָטן.
און דו וועסט אויפשטיין פון דיין בלוט און דיינע טרערן
אין רחמים און אין חסד און גערעכטיקייט געלייטערט
און אַלדאָס בייז זאָל זיין פון דיר דערווייטערט — —
אַ ליכט פאַר פעלקער זאָלסטו ווערן!

# ווען איוב איז אויפגעריכט געוואָרן

פּאָעמע פון מיין ברודער א. ש. שוואַרץ
איבערזעצט פון העברעאיש

...**און איוב** איז ווידער אויפגעריכט געוואָרן —
זיין לייב איז קלאָר, ווי ס׳לייב פון אַ קינד נייגעבאָרן,
זיין פּנים איז יונג, און שוואַרץ זיינע האָר ווי די פליגל פון ראָבן.
ער האָט אַ ניי ווייב זיך גענומען, מחמת פון צרות און פּלאָגן
איז ס׳ערשטע ווייב אים געשטאָרבן,
ניט געקענט מער דאָס אומגליק פאַרטראָגן.
ס׳איז גרויס איוב׳ס רייכקייט, טאָפּלט גרויס ווי אַמאָל:
פערצן טויזנט שאָף פּאַשען זיך אויף באַרג און אין טאָל,
ווייסע און ברוינע און געפּלעקטע — אַ גרויס פאַרמעגן;
און זעקס טויזנט קעמלען, געזונטע און פלינקע, לויפן אויף די וועגן,
און טויזנט פּאָר רינדער, און אַלע ניט קיין יאַלעווע חלילה,
און טויזנט אייזלטעס — אַ גרויסע מלוכה לשם ולתהילה,
געבענטשט מיט וואָל, מיט פעטס און מיט מילכפלינסנדיקע אייטער,
— הלוואי ניט ערגער אויך ווייטער —
אַחוץ דאָס גרויסע דינערשאַפט, און פעלדער און כרמים,
און איילבירטן־ביימער און כל־המינים געוויקסן פון בשמים.

איז איוב מיט זיין גרויסער באַלעבאַטישקייט פאַרטראָגן
ביז שפּעט אין דער נאַכט, שטייט אויף ווען ס׳פאַרנעמט זיך אויף טאָגן:
גיט אַ האַנט זיינע יונגען מיטן אַקערן און שניידן,
מיט פלאַנצן און דרעשן, מיט די וויינגערטנער באַשניידן;
נעמט צונויף זיינע צייטיקע פּרוכטן, און אין האַרבסט
פילט ער אָן פולע זאַסיקעס תבואה, ביז צו ווערן צעשפּאַרט —

גאַנצע בערג עסן פּאַר בהמות און מענטשן,
אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען, אים צו אַכפּערן און בענטשן.
טאָג־טעגלעך באַזוכט ער זיינע סטאַדעס: גיט אַכט
אויף אַ קעמל אַן ערשטגעווינעריק, אויף אַ שעפּעלע אַ צאַרטס.
פאַרגיט אַרבעט זיינע יונגען, וואָס פּאָלגן אויס זיין מינדסט וואָרט,
ווען מ׳שערט זיינע שאָף — איז ער תמיד אויפן אָרט;
שטעלט אויף פּאַר בהמות נייע צאַמען און שטאַלן,
און מ׳גראָבט נייע ברינעמער און מ׳זוכט פרישע קוואַלן,
און מ׳שפּרייט נייע געצעלטן, געצעלט אויף געצעלט,
פאַר יונגען וואָס קומען פון דער גאָרער וועלט.

און דערווייל נעמען הייבן זיך העכער זיינע קינדער,
זיי וואַקסן און געדייען ממש אויף וואונדער:
די קליינע שטיפערקע ימימה איז אויסגעוואָקסן אַ מיידל —
אַ בת־מלכה צווישן די חברטעס אירע, שטאַלטנע און איידל;
און קציעה, אַ צניעות׳דיק מיידל אין איר פרימאָרגן —
האָט ווי אַ פרישע שמעקעוודיקע רויז זיך צעבליט
און טריפט מיט חלומות און ריינקייט און ליד.
און קרן־הפוך איז אויך ניט צו פאַרשווייגן —
פאַרנעמט זיך זי בײדע איבערצושטייגן.
דאָס יינגל גדעון איז היינט אַ בחור אַ פלאַקער,
נעמט אַ האַנט אין דער אַרבעט, גייט הינטערן אַקער,
גיט אַכט אויף די סטאַדעס און זיין אָרעם איז אייזן,
אַז די רויבערישע שבא און כשדים ציטערן זיך צו באַווייזן.
און נדב, וואָס יאָגט זיך נאָך פאַרביקע פלאַטערלעך אין פעלד
יאָגט אויך זיך נאָך גערעכטיקייט און חלום אויף דער וועלט;
פון יעדער עוולה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן
צעפלאַקערן זיך זיינע אויגן אין גערעכטן צאָרן;
ער לערנט זיין צונג צו ריידן אין רעטענישן און משלים

װעגן גאָט און מענטש, צוקונפט און פאַרגאַנגענהייט,
װי זיין פאָטער; און קליין װי ער איז, פלטי, אויף אַן אייזל רייט,
מאַכט דאָס קעמל זיך קניען און בוקן
און דראָפּעט אַרויף זיך, װי אַ װעװעריק, אויף זיין רוקן,
שפּרייט נעצן פאַר די שװאַלבן, צילט מיטן פיילנבויגן
און שװאַרצע פיילן צינדן זיך אין זיינע אויגן.

און װידער האָט איוב׳ס בוים נייע צװייגן אַרויסגעבראַכט:
פיר נייע קינדער, און איטלעך איינציקס — אַ פּראַכט.
און איוב, אַ װיינענדיקער װערבעבוים, אַ מת צװישן מתים,
איז אַ פרישער איילבירטבוים, װאָס ברענגט זאַפטיקע זיתים.
און זיין כבוד איז גרויס און לויבלידער װערן צו אים געזונגען,
װאו נאָר ער באַװייזט זיך װערט זיין רום צעקלונגען.
און פרעגט איר אויף איובן — װעלן אייך אַלע איינשטימיק זאָגן:
װאָס? איוב? אים פעלט בלויז אַ קעניגלעכע קרוין צו טראָגן!
און איוב איז װידער דער גרעסטער פון אַלע בני־קדם,
קיין פירשט איז ניטאָ גאָר זיין גלייכן, קיין מלך אין אדום.
אָבער, ניט אָפּגעװישט איז זיין אַמאָליקער בראָך פון זיין האַרץ —
עס איז װי אַן אינדזל אַ שװאַרצס
אין אַ ליכטיקן בלויעם און פורפּולנעם ים,
װאָס שפּילט אין פאַרכישופטן פלאַם —
װען דער צופלוס קומט אויף, זאָגט דער ים:
ניטאָ גאָר אַזאָס אין מיינע װייטקייטן און ברעגן —
נאָר פאַלן די כװאַליעס צוריקװעגס — טוט באַלד זיך אַנטפּלעקן
דאָס שװאַרצקייט מיט אַלע זיינע מורא׳דיקע שרעקן.
און ס׳טרעפט דורך די נעכט אין פינצטערער שטילקייט פון הויז,
װען ס׳רוישיקע פריילעכקייט פון טאָג לאָזט זיך אויס —
סע שלאָפט איטלעך איינער, נאָר איוב אַליין קען ניט שלאָפן

אויפֿן אומגליק וואָס איז אים אין לעבן פֿאַרלאָפֿן:
איבער צעעפֿנטע תהומען שוואַרצן זיינע געדאַנקען,
דאָס אינדזעלע — שוואַרץ טוט דעם שלייער פֿון גאָלדליכט צערייסן,
און ס׳נעמען פֿון זייערע פֿינצטערע לעכער זיך באַווייזן
אַמאָליקע מורא׳ס און שרעקן, ווי גיפֿטיקע שלאַנגען.
און ס׳וואונדערט זיך איוב: נאָך אַלעמען, ווי גרויזאַם, ניט נייטיק,
געווען איז דאָס שפּיל, וואָס גאָט האָט איבער אים אויסגעשפּילט,
האָט אַלע זיינע פֿיילן אין אים געצילט
פֿון יסורים און ווייטיק —
כּדי זיך איבערצונעמען מיט אים פֿאַרן שטן,
וואָס טוט אויך איבערן האַר פֿון דער וועלט שפּאָטן,
ווי איבער איינעם וואָס רייסט זיך פֿון די אייגענע קייטן —
אָנצושיקן אויף אים אַזויפֿיל אומזיסטע ליידן.
פֿון זיין פֿרידלעכער היים — אַ בלוטיקע יאַטקע געמאַכט,
אין וועלכער זיינע קינדער זיינען געוואָרן אומגעבראַכט,
זייערע גופֿים צעברענט און צעבראָטן,
אין שטראָמען פֿון זייער אומשולדיק בלוט געבאָדן.
און ים׳ען פֿייער האָבן זיך פֿון הימל געגאָסן
און קנוילן רויך פֿון פֿאַרברענט מענטשנפֿלייש האָבן געפֿלאָסן,
און בלוט און אַש האָבן זיינע הויפֿן פֿאַרטרונקען
און דער ווינט פֿון מדבר האָט צעשפּילט זיך, צעהוליעט,
מיט צאָרן איבער הימל און ערד זיך געקוליעט,
געריטשעט, געקוויטשעט, ווי פֿון בויך פֿון גיהנום געשריגן,
און זיילן בלוט און אַש האָבן אים אין פּנים געשפּיגן.
אויף זין טעכטער, וואָס האָבן זיין הימל אונטערגעשפּאַרט,
זיינע צעדערן פֿון לבנון, זיינע רויזן — ליב און צאַרט,
איז איינגעפֿאַלן ס׳הויז, און זיין וועלט צעבראָכן אין שטיקער —

זיך גראַבנדיק מיט די לעצטע כּוחות, זיך וואַקלענדיק ווי אַ שיכּור,
האָט ער זײַנע אייגענע קינדער צומאָל ניט דערקענט.
אויף איינעם אַ גוף, אויף אַ האַנט געבליבן גאַנץ
האָט דער רינג פון זײַן בכור אויפגעבליצט מיט מורא׳דיקן גלאַנץ;
פון אַ צעשפּאָלטענעם שאַרבן, פון אַן אויער צעברענט —
לויטן אוירינגל זײַן יינגסטער טאָכטער דערקענט.
און ווײַטער — געוואוסט בלויז, אַז זײַנע אָרעמס טראָגן
דעם גוף פון אַ זון, צי אַ טאָכטער, אין פּלאָגן.

און ניט נאָך גענוג, וואָס דערשלאָגן, באַליידיקט, באַרויבט,
איז ער גאַנץ נאָך געווען מיט זײַן גאָט און זײַן נאָמען געלויבט.
צו פאַרשאַרפן זײַן ווײ, זײַן געדולד צו ציען ביז פּלאַצן,
אים רייצן צו לעסטערן גאָט — האָט דער שטן
מיט בייזע קרעץ, פון קאָפּ ביז צו די פיס, אים אָפּגעשאָטן —
איז ער געזעסן אין אַש מיט אַ שערבל אין האַנט זיך צו קראַצן.

איז ער געזעסן אין אַשיקן קבר אַ פּאַריאַגטער,
ניט ווויסנדיק פאַרוואָס און פאַרוועז, אַ פאַרצאָגטער —
מיט חוזק און שפּאָט־לידלעך און בייזן שפּאַס
האָט אים געשטאָכן, געוואונדיקט, דער המון פון גאַס;
און יינגלעך־שטיפער און גלאַט וואוילע יונגען
האָבן געררייצט אויף אים הינט און אַרויסגעשטעקט צונגען,
ביז ער איז געוואָרן אַ משל פאַר דער וועלט: אַזוי פּוילט אַ מצורע,
וואָס שליסט זײַנע אויגן פאַר ליכט, פירט קריג מיטן בורא!
פון תּהומען פון ווײטיק, פון ברינענדער גיפט און צאָרן,
אומזיסט נאָר געררופן פאַר הילף חדשים און יאָרן —
געשריען צו גאָט — נאָר גאָט האָט זײַן געשריי ניט פאַרנומען,
געבעטן דעם טויט אויף זיך — נאָר דער טויט איז ניט געקומען.

און אַלץ דאָס, כדי צו באַווייזן דעם שטן, אַז איוב איז איוב,
אַפילו ווען ער ווערט ווי אַ וואָרעם צעטראָטן;
אַז דער שטן זאָל איינזען: דער מייסטער האָט אומזיסט
אים געשמאָלצן אין טיגל, ווייל ניטאָ איז אין איובן פסולת און מיסט.
און ס׳ברענט די באַליידיקונג אים ביז פאַרלענדט צו ווערן,
און אַן איינציקע טרער פון זיין אַמאָליקן טייך טרערן,
וואָס האָט ווי צעשמאָלצענע לאַווע געזידט,
געשטורעמט, געפלייצט און פאַרלאָשן געוואָרן,
און איצטער ניט מער ווי אַ פונק, אַ פונק צאָרן —
פאַלט פון זיין אויג: איוב וויינט און האָט ניט גענוג טרערן,
פאַר דער גרויסער באַליידיקונג, וואָס גאָט
האָט אים אויסגעשטעלט אויף שאַנד און אויף שפּאָט,
אויף זין און אויף טעכטער, וואָס זיינען אין פייער געשטאָרבן,
און ער אַליין צווישן די צוויי גרויסע כוחות, אַ קרבן.

און ס׳ווייב זיינס, וואָס קען אים פון די שפּעטערדיקע צייטן —
פאַר איר איז דאָס אַלץ, ווי אַ פוסטער דמיון פון פאַרצייטן.
צוערשט — אויפגעוועקט פון שלאָף דורך זיין געוויין און טרויער,
האָט זי מיט אַ זיכער־רואיק האַרץ איר מאַן באַדויערט,
דעם זקן, לייכט אויף טרערן מיט זיינע פוסטע שרעקן,
פאַרגייט זיך אין ווייטיק, למאי די זון האָט אים אַמאָל געשלאָגן
און געלאָזט אויף אים פינצטערע פלעקן,
און האַלט אין איין מעלה־גרה׳ן אַן אַלטע מעשה פון פּלאָגן.
און אַרום אים איז אַ נייע פרייד און אַ ניי לעבן,
וואָס בעסערס און שענערס קען גאָר ניט געבן.
און דאָס יונגוואַרג איז באַרוישט, האַלט אין טאַנצן און שפּרינגען,
און די פּויקן קלאַפּן און די פידלען זינגען.
— זאָל ער וויינען, דער זקן! — און אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט,

זיך אומגעקערט צו דער וואַנט,
פלעגט די אויגן שליסן,
און ווידער אַריינגעפאַלן אין שלאָף אַ זיסן.
נאָר אין איינער אַ נאַכט, ווען זיין וויינען און קלאָגן
איז איבער די כוחות געווען, ניט אַריבערצוטראָגן —
אין רחמנות אויף איינעם, וואָס שמידט זיינע אייגענע קייטן,
זיך אָנצוטאָן וואָס מער יסורים און ליידן,
האָט זי גענומען איינ׳טענה׳ן מיט אים און ריידן,
געלאַסן און מילד, שטראָפּרייד מיט ליבשאַפט פאַרבונדן:
ווען וועט שוין נעמען אַ סוף זיך צו ראָיען אין אַלטע וואונדן?
וואָס לאָזטו ניט שלאָפן די נאַכט? ביז ווי לאַנג נאָך אין האַרצן
וועסטו ניט אויפהערן טראָגן דעם זכר פון וואָלקן, צו פאַרשוואַרצן
דעם הויכן און ליכטיקן הימלגעוועלב פון דיין לעבן?
וואָס נאָך איז פאַראַן אין גאָט׳ס אוצרות, וואָס ער האָט דיר ניט געגעבן?
האָסט כבוד און רייכקייט, וואָס געווינטשט וואָלט זיך יעדער,
דיינע זין זיינען שיין און געראָטן, געוואַקסן ווי צעדער,
און אַלץ וואָס זיי טוען איז גוט און געלונגען,
דאָס שיינקייט פון דיינע טעכטער ווערט איבער די וויטסטע אינדזלען באַזונגען;
און איך — וואָס שטאָלציר מיט דיין שטאָלץ און באַדויער דיין טרויער —
בין איך דען ניט גוט ווי דיין ערשטע? כ׳וואָלט מיין האַלדז פאַר דיר שטרעקן —
אוי, הער שוין אויף, איוב, די טויטע צו וועקן!

אויף איוב׳ס פאַרצאָגט פנים האָט אַ שמייכל זיך באַוויזן,
אַ שמייכל, האַלב־וויטיק, האַלב־שפּאָט, האָט זיין מויל אויפגעריסן,
זיך אויסגעגלייכט זיין רוקן און אויסגעשטעלט זיין ברוסט,
און געענטפערט: מיין ווייב, וואָס האָט פון אומגליק קיינמאָל ניט געוואוסט,
נאָר ניט מיט רוגזה!
האָסטו פון דער לעגענדאַרישער חיה פון פעלד געהערט,

וואָס איז מיט איר נאָפּל צוגעבונדן צו דער ערד?
אומזיסט איז איר באַגער זיך צו באַפרייען, זי רייסט
זיך צו דער גרויסער ווייטקייט פון איר ענגן קרייז —
נאָר ס'האַלט די נאָפּלשנור זי געבונדן און געצאַמט;
איין טריט, דוכט זיך, צווישן איר און ברייטקייט וואָס אַנטקעגן,
זי ברענט און פלאַקערט ווי אויף קוילן, פלאַמט,
און קען ניט אַרויס אויף די פרייע, אָפענע וועגן.
ווערסטו דאָך זאָגן: כדי איר באַגער נאָכצוגעבן
באַדאַרף מען די נאָפּלשנור איר איבערשניידן —
צי ווערסטו מיט דעם אויך ניט אָפּשניידן איר לעבן?

און איוב, צי ער קען צי ער וויל,
היינט, ווען אין זונליכט טוט זיין לעבן זיך שטרעקן
אַ העלפט פון זיין ספר־החיים פאַרווישן, פאַרמעקן,
דאָס אַלץ וואָס פאַרקריצט האָט אַן אייזערנע פען אין זיין האַרץ
אַנגעזאַפּט מיט אַ פייער אַ פינצטערס, אַ שוואַרצס —
זאָל איוב ניט קענען איוב'ן מיטן זאַק אויף די לענדן,
דעם איוב וואָס זיצט אין זיין ווייטיק אין טריבן,
פאַריאָגט פון דער וועלט און פון מענטשן פאַרטריבן
און ווער ס'האָט נאָר אַ האַנט קען אים ווייטיקן, שענדן?
אין באַרג אַש אַ בוים אַ פאַרברענטער, פון זיין וואַלד אויסגעריסן,
פון גאָט'ס פיילן געלעכערט, פון צונגען פון פריינט געביסן;
וואָס רופן דעם צדיק אַן רשע, און דעם גערעכטן — נאַר.
געביסן פון שלאַנגען — צבוע'קעס אין זיין ווייטיק און צער,
וואָס נעמען זיך אָן פאַר גאָט'ס כבוד מיט אייפער, מיט העזה;
דער חוזק און שפּאָט פון די יונגע, וואָס כ'וואָלט זייערע טאַטעס ניט געלאָזן

אַכטונג צו געבן אויף די הינט פון מיינע שאָף — בין דאָס שפּאָטליד פון זייערע געזאַנגען.
נאָר ער, וואָס ווייסט זיין גערעכטיקייט און נעמט אָן זיין זאַך מיט דאַנקען —
זיין פּיין און די פאַלשע פאַרלוימדער זיי האָבן
ניט געקענט אים צעברעכן; ער וואַרפט זיין שוך אויפן געזעמל פון ראָבן,
וואָס זיינען פון דער גאָרער וועלט זיך צונויפגעפלויגן
אויסצופּיקן ביים פאַרוואונדעטן אָדלער די אויגן.
אין דעם איז באַרעכטיקט זיין שטאָלץ, להכעיס זיינע פריינט, צו לעבן
און בלייבן, צו האָבן דעם כוח און מוט זיך ניט אונטערצוגעבן.
זאָל איוב ניט קענען איוב'ן, וואָס האָט געפירט קריג מיט גאָט, דורך אַלע יסורים,
און דונער און בליץ איז זיין וואָרט, זיך דערהויבן אין שטורעם;
רעדט משפּט מיטן העכסטן שופט, אַז זיין וואָגשאָל איז פאַלש און קאַרג
וואָס מאַכט פון אַ הייפל זאַמד אַ ריזיקן אַלפּנבאַרג;
פאַר זיין געשריי „פאַרוואָס" האָט דער הימל געטאָן זיך בויגן
און מלאָכים, פאַר כבוד און דערבאַרעמונג, האָבן די קעפּ געבויגן.
און ער גיסט אויס זיין גאַל אין גאָט'ס שויס, וואָס זוכט ענטפער און זינען
פאַר זיין קנעכט, דעם געפּייניקטן איוב — און קען ניט געפינען...

און איוב זאָל אויסשניידן פון האַרצן מיט די אייגענע הענט
די וועלטן די יונגע, וואָס זיינען געוואָרן פאַרלענדט —
זיינע טעכטער און זין, פאַר דיר בלויז שאָטנס, וואָס צערינען
מיט ערשטן פרימאָרגנליכט פון באַגינען,
און ביי אים אין האַרצן זיינען זיי מיט פייער פאַרזיגלט,
מיט זייער צאַרטער קינדהייט און תמימות אָפּגעשפּיגלט,
מיטן ליכט פון זייערע אויגן, מיט זייער געלעכטער, רוישיק און מונטער,
וואָס פאַלט ווי אַ וואַסערפאַל פון בערגשפּיץ אַרונטער;
מיט חלומות וואָס האָבן זייערע פּנימער באַשטראַלט,
מיט זייער ערשטער פרייד, וואָס האָט פון האַרצן געקוואַלט;

מיט דער לעצטער טרער, מיט וועלכער זיי איז געווען באַשערט
זיך שיידן מיטן בלוטיקן טרויערטאָל, די ערד —
די טרער, וואָס איז פאַרגליווערט ווי דימענט און קרישטאָל;
און ער רעדט צו זיי און זיי ענטפערן אויפן קול,
מיט אַ פאַרבענקט־טייער קול, ווי דאָס וואָרקען פון טויבן.
וועט דאַן איוב ניט טויטן איובן, דעם געפּרוואווטן אין גלויבן,
מיט זיין מורא׳דיקן עבר, וואָס האָט אים דערהויבן?
און איוב וועט זיין בלויז אַ קינד צווישן קינדער
אָן שטאָלץ, אָן אַ פאַרגאַנגעהייט, אָן ווייטיק, אָן וואונדער —
וועט זיך יאָגן נאָך פלאַטערלעך, שפּרינגען און טאַנצן,
און פליקן רויזן און פלעכטן זיך קראַנצן;
ביים טייך מיט שטיינדלעך מיט פאַרביקע זיך שפּילן
און זינגען לידלעך און קיין ווייטיק ניט פילן;
וועט לעקן ס׳ביסל האָניק און לוין פאַר זיינע פלאָגן
ווי אַ קינד אַ באַשטראָפטס, וואָס זיין מאַמע טוט אים אונטערטראָגן,
אים צו מאַכן פאַרגעסן זיין חרפּה, אים איינצוועמען,
אים פאַרשלעפערן, כדי ס׳קינדישע האַרץ זאָל ניט קלעמען —
מיין ווייב, דאָס רעדט איוב צו דיר און דו מאָגסט עס הערן:
ער וויל אַ קינד אַ ניטגעלערנטס נאָכאַמאָל ניט ווערן!

# אידיש־אַמעריקע

## א

## אַ דועט

רני עקרה לא ילדה...
ישעיה נ״ד, א.

„זינג, עקרה, וואָס האָט ניט געבאָרן״...
דער ניגון פון הפטורה האָט מיך אָפּגעשטעלט
און צוגעשמידט צום טראָטואַר. דאָס איז געווען
אַ פיין צווישטאָקיק הויז פון רויטן ציגל,
וואָס האָט געלויכטן אין פאַרגייענדיקער זון.
די בלאַנקע פענצטער האָבן אין פאַרנאַכט געפלאַמט
ווי ראָזע שמאָלע אָזיערעס. די ראָזקייט האָט
געטוליעט זיך צום גרין פון פיינגעשוירן גראָז
און צו די רונדגעצירטע קעפּ פון „אייבי־קגרין״,
האָט אָפּגעצאַמט דעם פאָדערגרונט פון הויז,
אַוועק פון שטילער גאַס. דאָס הויז פון רייכע.
דער רייןבלוטיקער ריזיק־גרויסער דענער,
אַ הונט פון הינט, אין שוואַרץ־און־ברוין געשטרייפטער פעל,
זיצט אָנגעשפּאַרט אויף שטאַרקע מוסקוליעזע פיס,
דער קאָפּ פאַרריסן צו די פענצטער אויבן;
די אויסגעשטאַרצטע אויגן, ווי געשמאָלצן גאָלד,
די שאַרפע אויערן אָנגעשטרענגט פאַרשפּיצט,
און הערט זיך צו נערוועז צום פיינעם ניגון,
וואָס פאַלט אַרונטער פון דעם צווייטן גאָרן:
„זינג, עקרה, וואָס האָט ניט געבאָרן״...

ס׳איז אַ דועט. אַ שרייענדיק פאַלצעטאָ־קול׳כל
באַגלייט פון הייזעריקן כריפּעדיקן באַס.

ס׳פּאַלצעטאָ קרייט ווי אַ געפּענטעט הענדל:
לויפט אימפּעטיק און רייסט זיך איבער אינדערמיט,
קומט ווידער צום געשריי — און ס׳גייט נאָך טריט אין טריט
דער הייזעריקער באַס און האַלט אין ראַמען
די שפּיציק־שאַרפּע שטיינער פונעם וועג —
עס זאָל דאָס הענדל ניט גע׳ניזוק׳ט ווערן.
דער וועג איז שווער, מסוכן. ס׳שטעלן זיך אין האַלדז
די האַרבע עברי און די אויסטערלישע טראָפּ —
פון חית׳ן ווערן ה׳ען; פון ישעיה׳ס „פּצחי״ —
ווערט „פּיצהי״; צרות מיט די ריש׳ן און די כפ׳ן;
און ס׳לאָזט דער באַס ניט לעבן — לאָזט ניט לויפן,
און האַלט אין איין פאַרריכטן און אין מייקערן.
צוערשט איז האָפערדיק געווען דאָס יונגע קול׳כל:
געפלויגן הענדום־פּענדום מיט צעשפּרייטע פליגל —
נאָר וואָס אַ רגע וייטער ווערט עס שטילער,
עס שפּירט זיך אַ פאַר׳עקשנ׳טער אַ טיפער רוגז:
וואָס וויל דער מענטש פון זיינע יונגע יאָרן?
„זינג, עקרה, וואָס האָט ניט געבאָרן״...

דער גרויסער דענער אין פאַרגייענדיקער זון
זיצט אַלץ נאָך אָנגעשפּאַרט אויף זיינע שטאַרקע לאַפּעס
און ס׳ציטערן די מוסקולן אונטער זיין פעל.
די גרויסע רונדע אויגן זיינען איצט ניט גאָלד,
נאָר רויט, אַ בלוטיק רויט. און אַז דאָס קול
פון יונגן מייסטער זיינעם ציטערט, ברעכט זיך,
ווערט אָנגעשוואָלן פון פאַרשטיקטע טרערן —
דאַן ווערט דער באַס אַביסל ווייכער, גלעטנדיק,
און קירעווועט מיט גוטן. עס ווערט שטיל אַ רגע.

און באַלד קלינגט ווידער אויף, ניי־אויפגעלעבט,
דער ניגון מיט די טראָפּ. דער ווייטער מערב ברענט,
די שאָטנס פון די ביימער ווערן לאַנג און בלוי,
און ס׳ציט מיט פייכטקייט פון געשוירן גראָז.
דער דענער אָבער לאָזט זיך ניט באַרואיגן:
ער זיצט, ווי אָנגעשטרענגט צום גרויסן שפּרונג.
אין קעל אין מעכטיקער גייט אום אַ כאָרכלען,
אַן אונטערגעדריקט געבריל, ווי פון אַ ווייטן
פאַרדומפּטן דונער. ווי וואָלט זיין דעם באַס,
ווען ס׳פּאַקט אים איצט דער דענער אין זיין צאָרן!
„זינג, עקרה, וואָס האָט ניט געבאָרן״...

ב

# די נעמען פון יעקב׳ס קינדער

„ראובן און שמעון זיינען אַרונטער אין מצרים,
„ראובן און שמעון זיינען זיי אַרויס פון מצרים —
„מ׳האָט לוי׳ן ניט גערופן לוליאַנוס,
„יהודה׳ן האָט מען ניט גערופן רופוס,
„און יוסף האָט זיך ניט גערופן לוסטוס —“

ס׳איז מיר געקומען אויפן זין דער אַלטער מדרש
אין קליינעם פּאַרקל פון דער שטילער שכונה.
עס האָבן קינדער זיך געשפּילט פון צאַרטן עלטער:
ווער ס׳האָט געגראָבן זיך אין ווייסן זאַמד
מיט רויטע און מיט בלויע עמערלעך און שופלען;
ווער ס׳האָט געגליטשט זיך פון משופּע׳דיק געשטעל
אַרונטער אויף די גלאַט־געטאָקטע ברעטער;
ווער ס׳האָט געוויגט זיך אויף די קינדער־וויגן
און ווער ס׳האָט סתם געקוליעט ווי אַ קאַלב זיך
אין פיינעם גראָז. די קליינע עופה׳לעך,
די גאָט׳ס באַשעפעניש, אין די קינדער־וועגלעך —
זיי האָבן אויפגעריסן ברייט און ווייט און פריידיק
די בלויע און די גרויע און די שוואַרצע אויגלעך,
און פּאַטשן מיט די הענטלעך, האַפּקען זיך און טענצלען
און דריקן זייער שמחה אויס אָן ווערטער.

אַ טאָג געוועזן פון לויטער בלוי און זונשיין
און טיפן שאַרפן גרין. דער פּאַרק האָט זיך געשטרעקט
מיט פלאַכן גאָלדיקע און גרינע בערגלעך,
געביטן זיך אין גאָלדליכט און אין גרינליכט

פון רוישנדיקע בלעטער־ביימער. סטאַיעס פייגל
זיינען געקומען צו פאַרגרעסערן די שמחה
מיט צוויטשער און געזאַנג, געניסנדיק דערביי
פון לקט און פון שכחה: שטיקלעך זעמל,
און שטיקלעך איי און קעז און ברעקלעך צוקער.
די גרויע וועוועריקלעך מיט רויטע אויגלעך
און ברייטע פעכערדיקע עקן — האָבן
געלאָזט זיך איבעררײדן, זיך דערנענטערט
צווײ טריט פאָרויס, איין טריט צוריק, פלינק צוגעכאַפּט
אַ ביסל פון דעם רויב און טוז — צוריק אין בוים,
זיך אויסגעפלאַכט, זיך צוגעקלעפּט צום גרויען שטאַם,
געוואָרן איינס מיט אים.
אין שאָטן, אויף די בענק,
זיינען געמיטלעך אויסגעמישט געזעסן
די היטער און באַשירמער פון דעם נייעם דור:
די שוואַרצע דינסטן אין די ווייסע שירצן,
מיט לאַנגע רויטע באָמבלדיקע אוירינגען;
די יונגע מאַמעס — האָפּערדיקע, שטאָלצע,
אין זומערדיקע ווייסע און קאָלירטע קליידלעך
מיט סיגאַרעטלעך אין געפאַרבטע ליפּן;
אַ ייִד אַן עלטערער מיט אַ געשוירן בערדל,
וואָס האָט אַריינגעקוקט אין אַ בלאַטצייטונג;
און אַלטע באָבעס מיט בלויאָדערדיקע הענט
אויף וועמעס רוקנס עס איז דורכגעפאָרן
דאָס שאַרפע אַקעראײַזן פונעם לעבן —
די אַלע האָבן ניט אַראָפּגענומען ס׳אויג

פון גראַגערדיקן און פּילפּאַרביקן געזעמל
פון שוירלים, סאַנדראַס, דאַריסעס און אַדריס,
פון ריימאַנדס, קליפּאַרדס, נאַרמאַנס, פּירפּאַנטס,
און נאָך אַזעלכע קלינגענדיקע נעמען.

איז מילא — ריימאַנד איז אַ גלגול פון ראובן,
און קליפּאַרד — מן־הסתם פון קלמן; נאַרמאַן —
שטאַמט אָפּ געוויס פון נחמן. (ס'איז, לאָמיר זאָגן,
ווי אַסאָנאַנץ־גראַמען פון אַ מאָדערנעם דיכטער:
עס גראַמט זיך טאַקע ניט, ס'איז אָבער פאָרט אַ רימפּל.)
פונוואַנען אָבער קומט אַהער אַ פּירפּאַנט?
און דאָ האָט די השגחה זיך דערבאַרעמט
און האָט מיר צוגעשפּילט: דער פּירפּאַנט איז געווען
אַ קאַראַפּוז פון דריי־פיר יאָר, אַ מזיק,
איז אויסגעוואַקסן וואו מען האָט אים ניט פאַרזייט,
און מחמת זיינע הענט זיינען געווען פאַרנומען
מיט אָנגעפּוטערט זעמל, קעז — האָט ער געשטופּט זיך
און זיך געבוצקעט מיטן שטערן, ווי אַ ביקל.
נאָר איינער פון די ריימאַנדס האָט געקליגט זיך:
ווען ס'האָט דער פּירפּאַנט זיך אויף אים צעלאָפן
האָט ער זיך האַסטיק אָפּגעצויגן אָן אַ זייט,
און פּירפּאַנט נעבעך האָט זיך אויסגעצויגן,
אַ זעץ געטאָן זיך מיטן שטערן אָן דער ערד —
און דאָ איז איינע פון די באָבעס אָנגעלאָפן,
געכאַפּט דעם פּירפּאַנט אויף די הענט, אים אויסגעקושט
די וויינענדיקע אויגן און דעם שטערן,
געפּיעסטשעט און געגלעט: „אוי, פּינעלע,
מיר זאָל זיין פאַר דיינע ביינדעלעך!"

ג

# אַן עקזאַמען

פיר זיינען מיר געווען, פיר יונגע לערער,
אין קליינער תלמוד־תורה אַרויף שטאָט
אין יענער יונגער וואונדערלעכער צייט.
איינער איז געווען אַ העברעאישער פּאָעט,
וואָס האָט געשריבן קליינע צאַרטע לידער;
דער צווייטער, דאַן אַן אָנפאַנגער, אַביסל שפּעטער
געוואָרן אַ באַרימטער נאָוועליסט אין יידיש;
דער דריטער האָט „געברענט די האַלבנאַכט אייל״,
געאַרבעט גאַנצע נעכט אַריינצוברענגען
ראַלף וואַלדאָ עמערסאָנ׳ס עסייען אין העברעאיש
און איך, דער בידנער שרייבער פון די שורות.

דער סדר פונעם לימוד איז געווען אַזאַ:
איין שעה פאַר עברי און איין שעה פאַר חומש,
די דריטע שעה פאַר ברכות — אַלץ אין ענגליש.
דער עיקר איז געווען די ברכות: מ׳האָט געבענטשט
אויף ברויט און וואַסער, דונערן און בליצן,
אויף עפּל און באַנאַנעס. די תלמידים,
אַ סך פון זיי נאָר וואָס פון שיף אַרונטער,
זיי האָבן באַלד די תורה פון דער היים פאַרגעסן
צוזאַמען מיטן יידיש זייערן: ווי ס׳וואָלט
אַ מלאך זיי אין עליס־איילאַנד אָפּגעוואַרט
און זיי אַ שנעל געטאָן אונטער דער נאָז —
פון הי־געבוירענע איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

איז שיין געווען צו הערן דאָס געזאַנג:
דער גאַנצער קלאַס פלעגט זינגען אין אַ כאָר
מיט גוסטאָ, מיט געשמאַק. אַמאָל פלעגט טרעפן,
אַז אַלע קלאַסן האָבן זיך צעזונגען
אין איינער און דערזעלבער צייט, און דעמאָלט איז
דאָס גאַנצע הויז, פון אויבן ביז אַרונטער,
געווען איין שטיק געזאַנג, אַ פייערדיק געזאַנג.
די ברכות מישן זיך און גיסן זיך צונויף,
ווי אין אַ מעכטיקער קאַפעליע, טראָגן זיך
און שפּאַלטן באַלקנס. זונטיק אינדערפרי
פלעגט זיך די טיר צעעפענען פאַמעלעך
און אויף דער שוועל בלייבט שטיין דער פּרעזידענט
פון פיינער אַקאַדעמיע פון דער דאָזיקער:
אַ שיינער און בכבוד׳יקער איד, אַ מאַן
אין זיינע הויכע פופציקער, דאָס בייכל — רונדיק,
גאָר זויבער אָנגעטאָן, דאָס בערדל — גרוי,
געשאָרן און געפוצט, דאָס פּנים — גוטמוטיק,
די רונדע בלויע אויגן פול מיט תּם;
און איבער דעם די האַרטע שוואַרצע דוירבי
פאַרשאַרצט אַהינטער. אימפּאָזאַנט ביז גאָר.
פלעגט ער אַריינקומען און בלייבן שטיין אַ רגע,
זיך צוהערן צום לערנען מיט מבינות
און זיך אַרויסרוקן. נאָר איינמאָל, געדענק איך,
האָט זיך פאַרגלוסט אים צו פאַרהערן די יחידים,
ניט בלויז דעם קאָלעקטיוו. ט׳ער אויסגעשטרעקט
די הענט מיט שטייף־געקראָכמאַלטע מאַנזשעטן,
פונקט ווי אַ דיריגענט פון אַן אָרקעסטער:
„שאַ, טשילדערן, דאָנט קעטש!״ — ס׳הייסט שטילער, קינדער,

ניט געכאַפּט! די חכמה איז געווען, וואָס ס׳האָט
קיין איינער פון די קליינע שטיפער ניט געלאַכט,
געבליבן שטיל. „נו, טעל מי״, זאָגט ער, „סעמי,
„האַו דו יו מעיק אַ ברכה אָן עי ׳פלוימענצימעס׳ ?״
איר הערט? ער וויל, אַז סעמי זאָל אים זאָגן
די ברכה וואָס מען מאַכט אויף פלוימענצימעס.
נאָר סעמי הויבט ניט אָן צו וויסן. איז געווען
אַ גרויסער צער אויף סעמי׳ן און אויף מיר, זיין רבי׳ן,
און כדי צו ראַטעווען זיך פון דער מיאוס׳ער לאַגע
האָבן איך פּרובירט זיך איינשטעלן פאַר סעמי׳ן:
וואָס ווייס, זאָג איך, אַמעריקע פון פלוימענצימעס?
„יו׳ל בי סופּרייזד״, מאַכט ער, און שמייכלט. און אַזוי
ווי ס׳איז געווען גאָר נאָענט צו די יום־טובים,
האָט ער אונדז, לערער, אויפן פלאַץ פאַרבעטן
ביי זיך אין הויז צום שמחת־תורה׳דיקן מיטאָג.

איז דאָס געווען אַ יום־טוב׳דיקע סעודה —
ווי ס׳וואָלט אַלאַדינ׳ס לאָמפּ דאָ אין ניו־יאָרק
אַ טיש אַ גביריש־ליטווישן אַראָפּגעבראַכט:
מיטן געהאַקטן הערינג, לעבער, אייערקיכלעך,
מיט יויך מיט גילדערנער און מיט די קרעפּלעך,
געקאָכטע און געבראָטענע, און מיטן ענדיק,
וואָס האָט דעם טיש פאַרלויכטן מיט זיין גאָלד,
מיט משקה און מיט שאָר־ירקות. אַזאַ סעודה —
געזאָגט אויף אַלע ליבע און געטרייע
און ווענען גאָט גוטס גיבט .(ווי ס׳פלעגט מיין מאַמע זאָגן)
דער באַלעבאָס פון הויז איז נאָכן דריטן גלעזל
געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש, ניט צו דערקענען:

די צונג אין מויל ביי אים האָט זיך צעבונדן
און דווקא נאָר אויף ייִדיש, פול מיט סמכ׳ן
און שאַרפע שינ׳ען. מ׳האָט געזען באַשיינפערלעך,
ווי ס׳קומט אים צו אַ פוד געזונט מיט נחת.
נאָר ס׳איז די שמחה ביז צום העכסטן גראַד געשטיגן,
ווען ס׳האָט זיך אויפן טיש באַוויזן דער סורפּריז:
אַ קאָכיקער פאַרברוינטער פלוימענצימעס.
דאָס איז געווען אַ שעדעווער פון אַ פלוימענצימעס:
ס׳איז יעדע פלוים געווען גרויס און אויסגעקוואָלן,
געגלאַנצט אין טיפער שוואַרצקייט און די בולבעס,
די זיסע בולבעס, האָבן האָניקדיק געשמעקט,
געלויכטן טונקל־רויט, ווי די בורשטינען,
געקוויכערט זיך צום באַלקן און געקוואַקעט
אין פעטס און צוקער. ביים העברעאישן פאָעט
האָבן געשטראָמט די טרערן פון די אויגן —
(געהאָט שוין אַזאַ טבע בעת׳ן לאַכן)
און מיר, די אַנדערע, האָבן געציטערט
זיך אָנצוטרעפן מיט אַ בליק. דער באַלעבאָס
האָט אויפגעלייגט געריבן זיך די הענט,
געשטראַלט מיט בלויע תמימות׳דיקע אויגן:
„נו, וואָס האָב איך געזאָגט?״ — דער איינציקער
וואָס איז געבליבן גלייכגילטיק צום ענין —
געווען איז עמערסאָן. ווען ניט דער עמערסאָן,
און אויך די ברייטע שווערע באַלעבאָסטע,
ווען ניט זייביידע — וואָלטן מיר געוויס
געגאַנגען דעמאָלט מיטן פרעזידענט אינמיטן
די ריכטיקע הקפות אַרום טיש.

ד

# נחום־אבלים

**בין איך** געפאָרן, הייסט עס, זיי מנחם־אָבל זיין
אויף זייער מאַמע׳ס טויט. כ׳געדענק זי נאָך
פון אירע יונגע יאָרן: ליב און חנ׳עוודיק,
מיט פלינקע און געראָטענע און שטאַרקע הענט,
וואָס האָבן זיך געטויגט צו יעדער אַרבעט.
זי האָט געהאַט אַ פיינעם קול צו זינגען —
געזונגען שטיקער אָפּערע פון „קאַרמען״
און פון „אַאידאַ״, לידער רוסישע
מיט זייער ברייטן אָטעם, לייד און טרויער,
מיט זייער הפקר׳דיקן אויסגעשריי און פייף
אויף גאָר דער וועלט, אַריינגערעכנט זיך אַליין.
איר טאַטע, דאַרפט איר וויסן, איז געווען
אַ חזן פון דער היים, ביי אונז אין שטעטל,
און ס׳איז אַ כלל: די טעכטער די חזנ׳ישע —
זיי ירש׳ען זייער טאַטנ׳ס קול. צוערשט,
האָט זי אין שאַפּ געזונגען ביי דער אַרבעט,
געקלונגען ווי אַ גלעקל. נאָך דער חתונה
האָט זיך איר קול צעקלונגען אין איר היים,
ביי הויז־אַרבעט, ביים וואַשן און ביים נייען,
איבער דער וויג פון שיינע קליינע עופה׳לעך
און אויף דער מינדסטער שמחה אינעם הויז.

און שמחה׳לעך זיינען געווען אַ סך:
גאָר קודם איז מען יונג געווען — האָט מען באַדאַרפט
דעם קלענסטן אויסרייד אויף צו מאַכן יום־טוב —

למשל, נעמט אַ פּראָסטן וואָכעדיקן מיטוואָך:
נאָך סאַפּער קומט גאָר אומגעריכט צונויף זיך
אַ פולע שטוב מיט מענטשן: יונגע פּאָרלעך
און בחורים און מוידן — און ס׳ווערט פריילעך.
מ׳דרייט זיך אָפּ די קעפּ — און אײדער וואָס,
האָסט ניט געהאַט גאָר צייט זיך אומצוקוקן —
ס׳איז האַלבע נאַכט. באַווייזט זיך אויפן טיש
אַ שיסל מיט קאַרטאָפליעס אין די פּעלצן,
אַ טעלער זילבערדיקע שטיקער הערינג
מיט גרינלעך־ווייסע רעדער ציבעלעס.
אָט האָט איר אייך אַ שמחה — חי־געלעבט!
ס׳איז אַלץ געשטאַנען אָפן, פראַנק און פריי —
גיי, נעם. איר הערט, וואָס כ׳וועל אייך זאָגן?
איך בענק נאָך היינט נאָך יענע גוטע יאָרן,
ווייל, וואָס האָט מען געהאַט און וואָס האָט מען געדאַרפט?
מ׳האָט געלעבט — און שוין. ביים יונגען דור,
אָט ביי די זינדלעך אונדזערע און טעכטער,
ווערט איר אַזאַ מין שמחה ניט געפינען —
כאָטש זוכט מיט ליכט.

די יאָרן לויפן אימפּעטיק,
די צייט קילט אָפּ, דער חומר ווערט אַלץ שווערער.
ווער ס׳איז דאָ צוגעקומען צו דעם טאָלער
האָט זיך פאַרקליבן אין אַ רייכער געגנט,
ווערט אויסגערונען פון די אויגן — נאָר אַזוי
איז שוין דער מנהג המדינה. גיי און העלף זיך —
מ׳ווערט פאַרפרעמדט. כ׳פלעג זיי אַמאָל נאָך טרעפן,
אַמאָל אין יאָרן, אויף אַ באַל פון לאַנדסלייט.

## געקליבענע לידער

מיר פלעגן זיך אַרומכאַפּן בשמחה רבה,
מחיה מתים זיין די אַלטע צייטן;
און שפּעט נאָך האַלבער נאַכט צונויפגעזעצט זיך
ביי לאַנגע טישן, אָן אַ זייט פון טומל:
געכאַפּט אַ גלעזל טיי, אַ לייכטן צוביס
און ניט געקענט גאָר זאַט זיך אָנריידן.
עס גרילצט דער סאַקסאָפאָן, די טרובע — טרובעט,
עס זעצט דער קעסלפּויק — פאַרטויבט צו ווערן
און ס'טאָפּטשעט זיך אַ גאַנצער ים פון פּאָרלעך
אין פּורפּור־בלויע נעפּלען פון פּראָזשעקטאָרס,
ווי דורך אַ שלייער. אירע בלויע אויגן —
זיי האָבן נאָך געבליצט מיט שטיפערישן חן,
הגם ס'איז איר פיגור געוואָרן שווערער;
נאָר אויפן לויטערן צעהיצטן פּנים
פלעגט דורכלויפן פון צייט צו צייט אַ שאָטן.
אין ענגשאַפט פון צונויפגערוקטע טישן
זיינען געפלאָסן פון איר מויל גאָר „נייע" לידער,
אַזעלכע, וואָס כ'האָב פריער ניט געהערט פון איר;
שוין ניט „אַאידאַ" און ניט „קאַרמען", ניט די „רוסן" —
נאָר פּשוט־פּשט, איר טאַטנ'ס אַלטע תפילות,
כאָטש נעם און שטעל זי דאַווענען פאַרן עמוד:
אַ „נתנה תוקף" און „עבודה" פון יום־כיפור
און קדיש, וואָס פאַר „נעילה". דער מאַן אירער —
פלעגט איר אַריינרוימען גאָר אָפט אין אויער,
ער האָט געזוכט, זעט אויס, זי אָפּצושטעלן —
נאָר זי פלעגט מיט דער האַנט זיך אָפּוועהרן.
האָט זיך פאַרבענקט.

דערהערט, זי איז געשטאָרבן —
בין איך געפאָרן זיי מנחם־אָבל זיין.
און פאָרנדיק — האָב איך אַדורכגעלעבט פון ס׳ניי,
אין קלאַפּן פון די רעדער, מיט פאַרמאַכטע אויגן,
די אָפּגעשיידטע שטרעקעס לעבן, פעלדער גאַנצע,
פאַרבליט מיט בליאונג און מיט זון באַלויכטן —
און ס׳האַרץ אין מיר האָט ווייטאָגדיק געוויינט.

און זאָגן מוז מען, אַז זיי ווייסן ווי צו לעבן:
אַ פיין, שיין הויז מיט ביימער און מיט בלומען —
אַ רחבות אין אַ שטילקייט. ווייט פון שטאָט,
עס שמעקט מיט היי, מיט בליעכץ, ס׳בלאָזט אַ ווינטל —
מ׳זעט אַזוינס ביי אונדז ניט. אַלא וואָס?
ס׳איז מיר מיין קומען דאָרט ניט איינגעגאַנגען.
ווען מיר זיינען אַרויס זיך צוזעצן אין גאָרטן,
איז ראַלף — אַ נאָמען נאָכן זיידן רב רפאל —
אַ קאָלעדזש־בחור און אַ שיינער יונג, געזעסן
און פונקט געגעבן זייער הונט אַ „העירקאַט".
איר האָט געמעגט זיך גינען אָנצוקוקן
אַ מראה פון אַ כלב! גאָר אַ פיינער כלב!
אַ ווייסער גרויסער פודל, ווי אַ שעפּס,
מיט מורא׳דיק געדיכטע קנוילן וואָל.
איך בין ניט אויסן דאָ צו זאָגן: ס׳איז אַן עוולה —
פאַרקערט, עס שטעקט אין דעם גאָר צער בעלי חיים:
עס טראָגט אויף זיך די שטומע צונג אַ פעל,
אַ דיקן שווערן פעלץ, אין גרויסער חמימה;
ער האַלט אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגע צונג
און פאָכעט מיט די זייטן, ווי אַ בלאָז־זאַק.

מ׳זעט באַשײנפּערלעך, דער הונט איז זיך מחיה —
ער טרײסלט אָפּ דעם נאַקעט־ראָזן גוף
און קושט דעם יונגן באַלעבאָס די הענט
און קלאַפּט אויס מיטן עק: אַ דאַנק! אַ דאַנק!
איר קענט דאָך מיך, כ׳בין ניט קײן נעכטיקער
און כ׳בין ניט ערב אײך, אַז מײן בנ׳אָק
וואָלט ניט געטאָן דאָס אײגענע, וואָס יענער —
נאָר מיך האָט עס צענומען ביזקל בײך.
בײבאַק אײנער, דײן מאַמע איז ערשט נעכטן
געקומען צו דער קבורה — און דו זיצסט
און האָסט קײן אַנדער עסק ניט, ווי שערן הינט!
איר קענט דאָך מיך, כ׳בין ניט קײן נעכטיקער
איר מעגט אײך זאָגן וואָס איר ווילט: די אַלטע
האָבן פאַרשטאַנען שוין דעם ענין בעסער:
אַ נאָנטער מענטש געשטאָרבן — זיצט מען „שבעה״,
און דווקא אויף די קלײנע בענקלעך צו דער ערד,
מ׳קוקט אַרײן אין ספר „איוב״, צי אין „תהלים״,
אַ מנין אידן קומט צום אָבל דאַווענען;
אַ מענטש פאַרטראַכט זיך, גיט זיך אָפּ אַ חשבון
פון לעבן און פון טויט, פון מענטשנ׳ס תכלית.
און דאָ וואָס? ס׳איז די מאַמע אים געשטאָרבן —
און ער ליגט אויפן גראָז און שערט אַ פּודל!
איך זאָג אײך: פע!

ה

# אַ מאָנאָלאָג פון אַ אידן

**ער האָט** מיך אָנגעטראָפן אויפן ראָג פון גאַס,
מיך אָפּגעשטעלט, פאַרצאַמענדיק דעם וועג פאַר מיר
מיט זיין מגושמ׳דיקן שלאַבערדיקן בירבויך,
וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען איבערן פאַסיק
פון טאָרבעדיקע הויזן — און גענומען ריידן.

עס איז געווען אַ שטילער ליכטיקער פאַרנאַכט —
אַ רויטע קיילעכדיקע זון האָט זיך געזעצט,
געשפּילט מיט רויט אין ווייטן בלוי פון מערב;
געשפּיגלט זיך אין בלאַנקע אויסגעהוילטע רעלסן,
וואָס ציען זיך לענג־אויס דער גאַס צו מזרח;
געגליט ווי רויז אין גלאַט־געשליפענעם אַספאַלט,
געצונדן זיך אין גרויסע שויפענצטער פון קראָמען,
פון וועלכע ס׳האָבן אין דעם ראָזיק־רויטן ליכט
אַרויסגעשריען כל־המינים פאַרבן, פאָרמען,
פון פרוכטן טראָפּישע אין גאָלד און געל און אָראַנזש
און גאָרטנוואַרג פון בלאַסן ביזן טיפסטן גרין;
אין גלאָזוואַרג פון די פיינע פרעזערווירטע פרוכטן
און פלעשער שיין־געשליפענע פון וויין און ליקער.

איר הערט — זאָגט ער אויף זיין קאַליעטשעט לשון —
שוין פערציק יאָר אַריבער, ווי איר קוקט מיך אָן,
ווי איך בין דאָ אין לאַנד. געטאָן עבודת־פּרך,
זיך אויסגעשטאַנען קאַלט און וואַרעם, ווי דער מנהג,
געצאַפּט שוין וויין פון וואַנט און גאָמלקעס — פון שניי.
שוין דרייסיק יאָר ווי כ׳שטיי און בריאָזגע מיטן פרעסל

און דריי די קאַטערינקע. שטייענדיק אַזוי —
געהאַט למזל חתונה, געבוירן קינדער,
געלעבט אויף צרות און געוואָרן אויסגעריסן,
דאָס ווייב באַגראָבן. און וואָס האָב איך מיר אָנגעלעבט ?
זיך אָנגעלעבט אַ פּאָר רגלים, ווי די קלעצער,
פון האַלטן אין איין אונטערשפּרינגען אויפן פּרעסל,
דערצו — אַ בויך. איר זייט אַ מבין אויף אַ בויך ?
פאַרשטייט איר מיך, ווען ס׳האַלט אַ מענטש פון פּרי־באַגינען
ביז שפּעט אין נאַכט אין איין אַרויסשוויצן די נשמה —
איז בעסערס גאָרניט אויף דער וועלט פאַראַנען,
ווי ביר אַ קעסעלע.

און ריידנדיק צוריק —
כ׳האָב אָסור צו אַמעריקע ניט צוגעלייגט.
די גרויסע גליקן, וואָס כ׳האָב דאָרט געלאָזן,
אָט ווי איר קוקט מיך אָן — בין איך געווען אויף קעסט
ביי ניקאָלאַי דעם צווייטן, אָנגעשפּאַרט ביז פּאָרט־אַרטור
און אים געהאָלפן מאַכן פון דאָרט פּליטה.
דער אמת איז, אַז ס׳טאָר אַ מענטש ניט זינדיקן :
געמאַכט אַ לעבן, קינדער אויפגעהאָדעוועט,
איין טאָכטער חתונה געמאַכט, און חוצ׳ן בויך —
נאָך אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט, אַ שטיקל הייזקע.
וואָ דען ? די טעכטער זיינען מיר לגמרי פרעמדע,
אַז בסך־הכל פאַרלירן מיר ניט צווישן זיך,
כ׳זאָל זאָגן, כאָטש איין וואָרט. די מאַמע איז געשטאָרבן
אַ קיימא־לן פון פינעף יאָר, זאָל איינער איינפאַלן
אַריבערגיין אַמאָל, איינמאָל כאָטש אין אַ שמיטה,
אַ קוק טאָן אויף דער מאַמע׳ס קבר ? גוואַלט געשריען,
זי האָט פאַר זיי דאָך איינגעלייגט דאָס לעבן !

דער איינציקער, וואָס האָט איינמאָל באַוויזן פיינקייט —
געווען איז „מויש״, איר קענט דאָך מיין בן־יחיד,
אַ טאָג איידער מ׳האָט אים אָפּגעשיקט אויפן פּאַסיפיק:
ער איז געגאַנגען, נעבעך מיט געבראָכן האַרץ,
געמאַכט דער מאַמע׳ן אַן „אל־מלא״, געזאָגט קדיש
און איז אַהיים געקומען מיט צוויי רויטע אויגן.
נאָר אפשר וויל איך שוין גאָר צופיל פון די מיידלעך?
פאַרקערט גערעדט, איז זיי ניטאָ וואָס צו פאַרדענקען —
נאָך אַלעמען, זיי אַרבעטן דאָך שווער און ביטער,
און קומט נאָך סאַפּער — לויפט מען אין די „פּיקטשעס״.
וואָ דען? ווי פאַר אַ מענטש אַן אייגענעם גערעדט,
איך בין זיי חושד, אַז זיי שעמען זיך אַביסל אונטער
מיטן אַלטן טאַטן. האַ?

אַ טראָלי־קאַר איז דורך
מיט אַ געגרילץ און אַ געקוויטש פון פלינקע רעדער,
מיט אַ געשפּריץ פון הייסע רויטע פונקען —
איז ער געבליבן אויף אַ רגע שטיל, אַנטשוויגן.
דאָס דורכגעווייקטע העמד צעשפּיליעט אויפן בוזעם,
די גרינלעך־גרויע פּאַסמעס האָר צעשויבערט
דאָס רונדע לבנה־פּנים פול מיט קנייטשן —
נאָר פון די אויגן אין פאַרגייענדיקער זון
האָט שטום אַ ווייטיקדיקער צער אַרויסגעשריען.

איר הערט, כ׳בין קיינמאָל ניט געווען קיין צדיק,
געפּראַצעוועט שבתים און יום־טובים,
ווי אַלע טעג אין וואָך. איז האָב איך כאָטש געהאַט
אַ שטיקל נחת קומענדיק אַהיים פון פּראַצע;
אָט איצט, למשל, פרייטיק, פאַר קבלת־שבת —

פלעגט זיין גענוג דער ווייסער טישטוך אויפן טיש
און די פּאָר לייכטער. אויסזאָגן דעם אמת?
אַז ס׳גלוסט זיך גאָרניט עפענען די טיר,
וויל ווייסיך וואָס, אַ וואָכעדיקע פּוסטע שטוב
אָן טעם און ריח. איר פאַרשטייט, קיין גרויסער למדן,
וואָס זאָל איך לייקענען, בין איך דאָך געבעך ניט —
צו דרייצן יאָר געשטעלט זיך סטריגעווען אַ בגד
און קנעפּלעך איינניייען. געקענט אַ פרשה חומש
און שאַלאַמויזן דאָרט, מישטיינס געזאָגט פון סידור
און פערציק יאָר, ווי כ׳האַלט אין איין פאַרגעסן —
נאָר ס׳בענקט זיך נאָך אַ ריח כאָטש פון שבת.
איר הערט, איך וועל אַמאָל זיך ראַפּטאָם אויפשטעלן,
אַ פּאַטש טאָן אינעם שטענדער מיט די לעצטע כוחות
און אויפן הויכן קול אויסשרייען: גענוג!
זאָל נאָר מיין משה קומען פון פּאַסיפיק —
איך גיב אים אָפּ די „סטאַרקע״ מיטן האַק און פּאַק
און זאָג אַזוי: דו ווילסט, כ׳זאָל דיר אַרויסהעלפן?
אָ־רייט! כרחם אָב על בנים, שטייט געשריבן,
נאָר שבת־יום־טוב שטעק איך ניט אַריין קיין פוס
מ׳זאָל מיך אָפּגילטן. כ׳וועל אויפזוכן אַ שול,
וואו ערלעכע און פראָסטע אידן קומען דאַוונען,
זיך איינקויפן אַ גאַנג חומשים און מחזורים
און דייקע און ניט אַנדערש ווי אויף עברי־טייטש;
איך וועל מיך לאָזן אויפרופן צו אַן עליה —
נישקשה, כ׳האָב די ברכות ניט פאַרגעסן
און טאַקע שנדר׳ן און מיט דער ברייטער האַנט,
כ׳האָב גאָט צו דאַנק גענוג און דאַרף ניט קאַרגן;
נאָר, זאָל ער שוין צוריקקומען געזונט און גאַנץ —
און, ס׳קיוז מי, וואָס איך האָב אייך אָנגעדולט אַ קאָפּ!

י. י. שוואַרץ

# אַ ספּעקטאַקל

מ׳האָט דעם יונגן רב, נאַקעט און צעשלאָגן,
מיט נאָך איינעם אַ יונגנמאַן,
מיט כאָמעטן איבער די העלדזער, ווי די פערד,
אין פלאַכן ברייטן וואָגן איינגעשפּאַנט.
און אויפן וואָגן האָבן זעלנער זיך געשטעלט,
זיך אָנגעהאַלטן איינער אָן דעם צווייטן
פיל נאָר דער וואָגן האָט געקענט דערטראָגן.

געשטאַנען איז אַ זוניקער פרימאָרגן
אין פרילינגדיק־צעשטראַלטער וועלט,
מיט גרינע גערטער און צעבליטע סעדער.
דער גאַנצער אוקראַינער דאָרף —
מיט יונג און אַלט, מיט ווייב און קינד,
האָט זיך אַרויסגעשאָטן אויף דער גאַס
כדי אָנצוקוקן ס׳פריילעכע ספּעקטאַקל.

דער אָנטרייבער, דער דייטש,
איז שוין געשטאַנען גרייט
מיט דער געקניפּטער לאַנגער בייטש.
— „נו, אידנמיסט, געפאָרן!"
מיט איין האַנט שטיף די לייצעס אָנגעצויגן
און מיט דער צווייטער האַנט גענומען כוואָשטשען.

דער וואָגן איז געווען שווער,
די רעדער איינגעשניטן אין דער ערד,
און ס׳קאַטעוועט רציחה׳דיק די בייטש —
די בייטש האָט זיך געשניטן אין די לייבער,
געפליקט, געריסן פּאַסן פון די גופים,
געזעצט איבער די פּנים׳ער און אויגן —
און מיר, ביז צו דער ערד געבויגן,
האָבן געשלעפּט דעם וואָגן מיט די לעצטע כוחות.

און מאַנספּאַרשוינען, שכנים פון אַמאָל,
האָבן זיך איבערגערופן אויפן קול,
געמיטלעך זיך מיט ליולקע־רויך פאַרצויגן;
עס האָבן זיך פּאַר שפּאַס געקאַטשעט ווייבער
און שקצים זיינען נאָכגעלאָפן מיט געשרייען,
געוואָרפן הרודעס ערד און שטיינער —
אַזוי אַ לאַנגע שעה, ביז ס׳האָט די זעלנער
דאָס פיינע שפּיל דערעסן —
אַראָפּגעשפּרונגען פונעם וואָגן.

איך קוק אויף אים, דעם דעמאָלטיקן יונגן רב,
מיטן הדרת־פּנים פון אַ תּלמיד־חכם,
און מיט דער פיינער שוואַרצלעך־גרויער באָרד
און לומדישן צעקאַרבטן שטערן —
— „רבי״ — האָב איך מיך אָנגערופן —

„איך בעט אייך, אויב איר קענט מיר זאָגן:
„וואָס האָט איר דורכגעלעבט און דורכגעפילט
„אין יענער שעה פון נאָכשלעפן דעם וואָגן?״

אין קליינע רגע האָט ער שטילגעשוויגן,
דערנאָך געענטפערט מיט געציילטע ווערטער:
„אין יענער שעה פון אַנגסטן און יסורים
„האָב איך געהאַלטן אין איין חזר׳ן די ברכה
„וואָס אידן זאָגן יעדן אינדערפרי פאַר שחרית:
„אַ לויב דיר און אַ דאַנק דיר, בורא עולם,
„וואָס דו האָסט ניט געמאַכט מיך פאַר אַ גוי!״

1961

# פעלקער און זייערע געטער

(מעקסיקאַ־שטאַט)

אַזויפיל זון און ליכט און נאָנטע פרעמדקייט
און ווייטע אייגנקייט פאַרשטראָמען מיך —
ס'איז אַלץ אי פרעמד, אי נאָנט, אי ווייט, אי אייגן:
די ווייסע שווערע און מאַסיווע מויערן,
וואָס גלימצערן אין זונליכט — ווערן לופטיק
און ציטערן אין פיאָלעטער שיין;
פון קייטן בערג וואָס טויכן אויף פונווייטנס
גייט אויף און צאַפּלט זיך אַ פּורפּור־נעפּל;
און ווען עס לאָזט זיך דער פאַרנאַכט אַרונטער —
צעגיסט ער זיך אין אַ בלאַס־גאָלדיקן בורשטין
אַריבער דעם אַספאַלט־שפּיגל פון ברייטער גאַס
און אין די שויבערס פון פאַרברוינטע פאַלמען
און אין די גרינע שלאַנקע נאָדלדיקע צעדער.

נאָך ליגט די קינדהייט פון דעם לאַנד צעשפּרייט
וואו נאָר עס פאַלט דיין בליק: די לאַנדשאַפט פון אַרום —
נאָר וואָס אַרויסגעשפּרונגען פון דעם שמעלצאויוון
פון דער יצירה, נאָך ניט אָפּגעקילט איגגאַנצן;
די ריזיקע צעברענטע לאַווע־בערג
און קופּער־רויט און ברוין, פון בלויער ווייט
די טונקל־גרויע רויכן פון דעם „שוואַרצן מאַן“,
וואָס קרייזלען זיך צום פיאָלעט פון הימל;
און ביי דער זייט — דער באַרג פון „שלאָפעדיקער פרוי“
אין ווייסער אייביקייט פון שניי און אייז
מיט אויפגעשאַרצטע היפּטן, ברוסטן, שענקלען,
מיט פאַליעס זילבער־האָר צעפּאַטלט און צעפלאָסן

אויף אַלע זייטן. (איטלעך באַרג האָט זיין לעגענדע,
פאַרקניפּט מיט געטער און מיט העלדן פונעם לאַנד,
אין מויל פון פאָלק).

די אַלטע קריגערישע שבטים —
טאָלטעק און מאַיאַ און אַצטעק און אַנדערע —
האָבן געזוכט אַריינצושטעמפּלען זייער חותם
אין ברוינע זאַמדן פון דער גרויסער אייביקייט —
אָט שטיי איך פאַר די אַלטע פּיראַמידן,
געבויט צום זון־גאָט און לבנה־גאָט און שטערן,
וואָס האָבן אויסגעהאַלטן זעכצן הונדערט יאָר,
יאָרהונדערטער פון מדבר־היץ און קעלט, שלאַקסרעגנס,
און בליץ אוןווירבלדיקע זאַמד־שטורעמס, ציקלאָנען.
דו שטייסט און שטוינסט פאַר זייער גרויסער קונסט
און גבורה פון דעם מענטשנ׳ס גייסט: די בוימייסטער
פון גרויס פאַרנעם און וויזיע; שטיינקריצער
אין גאָט׳ס גענאָד פון בלומען, חיות, פייגל,
פון געטער און דראַקאָנען; קינסטלער פונעם פּענדזל
אין די געצוקטע היראָגליפן און סימבאָלן,
ווי די חרטומים־שריפט פון אַלט־מצרים.
עס איז, ווי כ׳וואָלט געהאַלטן פאַר זיך אָפן
די ערשטע ספרים פון תנ״ך, וואו ס׳ווערט דערציילט
וועגן די געטער פון דעם כנעני און אמורי,
פון כמוש און בעל און פון דער עשתורת.
געוועזן אויך צווישן זיי אַ בלוטדורשטיקער גאָט,
אַ מין גאָט־מולך פון אַמאָל, אַ גרויסער נאַשער,
וואָס האָט זיך אַנדערש ניט געלאָזן איבערבעטן,
ווי מיט די הערצער פון באַזיגטע קריגער.

אַ יאָר פון טריקעניש אין לאַנד — האָבן די פּריסטער
צום קרבן אויסגעקליבן אַ יונג מיידל,
וואָס האָט קיין מאַן נאָך ניט געוואוסט, אַ שיינס, אַ גאַנצס,
אָן קיין שום מום, און ס׳האָט דער גרויסער פּריסטער
אַרויסגעריסן פון איר ברוסט דאָס האַרץ,
וואָס האָט געצאַפּלט נאָך, געציטערט אין זיין בלוט
און דאָס געוואָרפן אויפן פייער פון מזבח —
אונטער דעם קלאַפּן פון די פּויקן און די פייפלעך.
ביז ס׳איז דער שפּאַנישער קאָנקיסטאַדאָר געקומען
און האָט מיט פייער, בלוט און זיילן רויך
אַריינגעברענט אין ברוינעם אינדיאַנער לאַנד
דעם פרעמדן שווערן צלם פון דעם ייד פון גליל.
עס זיינען אָנגעפלויגן ווי די רויב־פייגל
מאָנאַכן אין די לאַנגע שוואַרצע בגדים
און איינגעשפּאַנט דאָס פאָלק צו בויען קלויסטערס,
וואו ערגעץ אַ פריי בערגל — דאָרט אַ קלויסטער.
(פאַראַן אַ שטעטל צווישן הויפּטשטאָט און פּועבלאַ
וואו ס׳שטייען אויסגעבויט פון אַלטע צייטן
דריי הונדערט פינף און זעכציק קלויסטערס —
אַ קלויסטער קעגן יעדן טאָג פון יאָר).
דער שאָטן פונעם מורא׳דיקן צלם
האָט זיך צעלייגט, די שיין פון לאַנד פאַרשוואַרצט;
און ס׳האָט דער זעלנער אין זיין פריי־געלאָזטער תאווה
די מיידלעך די ברוינהויטיקע אַרויסגעשלעפּט
פון זייערע באַהעלטענישן פאַר די האָר פון קאָפּ —
די פּנים׳ער פון קומענדיקן דור פאַרוויסט,
ווי קאַווע מיט אַביסל שמאַנט.

## דער שווערער גאַנג

פון אַלע רויבערישע פעלקער אויף דער וועלט,
פון גרויען אַלטערטום ביז היינט, איז דאָ, אויך דאָ,
אין ווייטן מערב־ווינקל פון דער נייער ערד,
אַריבער מיט זיין פייערדיקן אַוואַלאַנש
פון שטאָל און אייזן, בלוט, רציחה, רויב.
דער שפּאַנישער באַצווינגער האָט געזוכט
די רייכקייטן פון לאַנד אין טייערן מעטאַל,
אין גאָלד און אין די בלישטשענדיקע שטיינדלעך.
ער האָט די מאַסן פונעם פאָלק פאַרוואַנדלט
אין וואַסערשעפער און אין האָלצהעקער,
אין בויער פון קאָנווענטן און פון קלויסטערס.
אַ ביסל שפּעטער — האָט די הערשערישע קירך
געוואָרפן די באַגליקטע נייע גלויביקע
אין שוואַרצן שטיינקעלער פון זעלבער קירך,
וואָס זיי האָבן געבויט: געצויגן זיי די אָדערן,
געברענט, געפּיצלט און געבראָכן זייער לייב,
כדי די רעשטלעך אוצרות די באַהאַלטענע
אַרויסצופּרעסן פון דער ערד. דערנאָך
האָט מען געפירט די נייע קריסטן אין פּראָצעסיע,
אין שטורעמדיקן גלאָקנקלאַנג, אין העלער זון,
מיט רויטע שדים אויסגעמאָלט, אויף זייער העמד,
מיט שטריק אַרום דעם לענד, מיט שוואַרצע ליכט
און פינגער צעקאַליעטשעטע, און די מאָנאַכן
אין שוואַרצן טראַכט, פון קאָפּ ביז צו די פּיאַטעס,
מיט צלמים הילצערנע אין בלאַסע הענט,
האָבן געזונגען פייערלעך קאַפּיטלעך תהלים;
אין באַרעמהאַרציקייט געבעטן גאָט דעם פּאָטער,

דעם זון ישוע און דעם גייסט דעם הייליקן
פאַר די געלייטערטע נשמות פון די זינדער,
גע׳כשר׳ט דורך דער פייערדיקער טבילה
פון שייטערהויפן־בראַנד.

אויך די אַנטרונענע
פון שטאָלצן אַדעליקן שבט פון מיין פאָלק,
פון פירענעאישן האַלב־אינדזל און פון פּאָרטוגאַל —
די אייניקלעך פון בן־שפרוט און די אַבוהבס,
אַברבנאלס און די פערעזס און באַנפידס —
האָבן קיין רו פאַר זייער פוסטראָט ניט געפונען
אויך דאָ אין נייעם לאַנד. דער אַלטער גורל
האָט זיי באַגעגנט דאָ מיט פייערדיקע אָרעמס
און זיי געפירט צו די קאָנווענטן־קעלערן
און צום אויטאָ־דאַ־פעי. (דער לעצטער בראַנד
איז פאָרגעקומען אויף דער ברייטער „סאָקאַלאָ״
פון מעקסיקאָ־דער־שטאָט, אַקעגנאיבער
דעם גרויסן אַלטן אימפּאָזאַנטן קאַטעדראַל
ערשט מיט אַוועלכע הונדערט פופציק יאָר צוריק).
איך זוך די שפורן פון דעם גרויסן שבט,
וואָס ס׳האָט די צייט אים אָפּגעווישט, פאַרשווענקט,
מיט אירע מוטנע כוואַליעס. כ׳הער פון היימען
קאַטויליש־פרום פון לאַנגע־לאַנגע דורות,
וואו ס׳איז פאַראַן אַן אויסטערלישער מנהג,
אַז פרייטיק, מיט דער שקיעה, פירט די מאַמע,
מיטן צלם אויפן האַלדז, איר יונגע טאָכטער
אַרונטער אינעם טיפסטן ווינקל פון איר קעלער
און צינדט דאָרט ליכט, פאַרדעקט איר פּנים מיט די הענט,

און נאָכדעם צלמ׳ט זי די ליכטלעך איבער
און שאַרט אַרויס זיך הינטערווײַלעכס פונעם קעלער.
עס טרעפט, אַז אין געדראַנג און רעש פון גאַס,
אין דער געדיכטעניש פון דער מיליאָנען־שטאָט,
כאַפּט אויף דײַן אויער עפּעס אײַגנס אין אַ קול,
ס׳טוט פלוצים דיך אַ ברען אַן אויפבליץ פון אַן אויג,
אַ בויג פון האַלדז, וואָס ס׳קומט דיר פאָר באַקאַנט,
אַ זשעסט, אַ פאָך פון אַ נערוועזער האַנט —
ווי ס׳וואָלט אַ ווײַטער און פאַרפרעמדטער ברודער
געלאָזט זיך דיר דערקענען אויף אַ רגע.
אין קלײנעם פּאַרק — די דינע פּרוי אין שוואַרצן,
אויך מיטן צלם אויפן האַלדז, וואָס זיצט פאַרטיפט
אין שוואַרץ־געבונדן תהלימ׳ל אויף שפּאַניש —
די ליפּן שעפּטשען שטילערהייט די ווערטער,
און ווען זי הויבט די אויגן אויף, אום נאָכצופאָלגן
דאָס חנ׳עוודיקע שפּילן פון די ווערוריקלעך
איבער די צווײַגן פון אַנטקעגנדיקע ביימער —
וואָלט איך געשוואָרן, אַז איך זע אַ שוועסטער.
איר פּנים — לענגלעך, רײַן־געשניצט, ווי אַ קמיע,
און אויגן — אויגן האָט זי שוואַרצע, טיפע,
דורך אָנגעזאַפּט מיט אַלטן צער און טרויער.

אַ לאַנד אַן אײַגנאַרטיקס, שאַרף אין שײנקייט
און רײַך מיט אַ געבענטשט, באַזונדער חן;
מיט בערג וואָס קײַטלען זיך אין נײַע רינגען,
מיט שטראַלנדיקע צאַרטע בלויע הימלען,
וואָס באָדן זיך אין אײביק הייסן זונליכט.
די בערג און בערגלעך זײַנע קאַל און פליכיק,

פאַר׳שרפה׳ט און פאַרברוינט, נאָר דאָ און דאָרט
מיט גרינע אינדזלען פון די מדבר־צמחים,
מיט קאַקטוס־פלאַנצן, קרומע און צעדרייטע,
אין כל־המינים בייזע, שטעכיקע געשטאַלטן,
מיט נידעריקע קוסטעס נאָדלביימלעך,
מיט ריזיקע מאַגעיע־פלאַנצן, אייביק־גרינע,
מיט פליישיקע און שווערע בלעטער־שפּיזן,
אַרומגעצאַמט מיט שאַרפע שפּיצן פאַר אַ שמירה,
(פון דער מאַגעיע ווערט ס׳באַרוישנדע געטראַנק
פון לאַנד געטריבן, פון די שטאַרקע פיבערן
געפלאָכטן ווערן שטריק). נאָר אין די טאָלן
און אין די ברייטע פלאַכן פונעם לאַנד,
וואַקסט שפע׳דיק דער קוקורוזן, דאָס ברויט פון לאַנד,
און ווייץ און האָבער און דער צוקער־שטעקן;
און גערטנער רויטע זוניקע אָראַנזשן,
ציטרינען טיף אין גרין, באַנאַנאַ־וועלדלעך,
און אויסטערלישע פרוכטן טראָפּישע
דער אַנאַנאַס און מאַנגאַ־פרוכטן, זיס און וויניק,
און נאָך, און נאָך, גענוג אַדורכצוגיין
אין אַ פרימאָרגן פון אַ טאָג דעם גרויסן מאַרקפּלאַץ,
וואו ס׳ווערט דורך נאַכט אַריינגעפירט די שפע
פון גערטנער און פון פעלדער פאַרן גרויסן מאָגן
פון דער מיליאָנען־שטאָט. קאָלירן בלענדן
אין כל־המינים גרין און געל און רויט און פורפל.
קוים וואָס דו שטופּסט זיך דורך צווישן עולם
פון קויפער און פאַרקויפער, אָנגעהורבעטע
געמאַכן און געשטעלן: בערג מיט הייפּטלעך קרויט,
מיט בולבעס, וואָרצלען, מערן, פאָמידאָרן

און ברענענדיקע פעפערלעך אין גרין און רויט
און אַלע וואַריאַציעס פון משפּחה קירבעס;
געטריקנט ציגנפלייש און שאָפנפלייש און מילכיקס,
אָן סוף און אָן אַ שיעור.

געזאַנג און קלאַנג,
און רעש׳יקער געפילדער פון דער הויפּט־שטאָט,
און גלאָקנקלאַנג און וואוילקלאַנג פון קאַסטיליש;
און רייכע שפּיגלדיקע פענצטער פון געשעפטן
אין בליאַסק און גלאַנץ, מיט אַלע לעצטע מאָדעס
פון לאָנדאָן און פּאַריז; מיט טייערן קרישטאָל,
וואָס ברעכט און ברעקלט זיך אין מיריאַדן שטראַלן,
מיט גאָלד און זילבער צירונגען און שנורן פּערל,
אין אויפשטראַלונג פון שרייאיקער באַלייכטונג,
אין שפּעטער נאַכט. דער פּאַלאַץ פון די שיינע קונסטן,
וואָס שווימט אין לופט ווי אין אַ גאָלדן נעפּל;
און הייסע גליענדיקע מאַנצביל־בליקן,
וואָס שטעכן זיך אַריין אין אַלע ווייכקייטן
פון די אַנטקעגנקומענדיקע יונגע פרויען;
דאָס שטראָמיקע געווירבל פון מאַשינען
מיט וואָרנונגען פון גרילצנדיקע האָרנס.
און באַלד דערביי די גרויסע אָרעמקייט,
די אויסגעשטרעקטע הענט נאָך אַ נדבה —
די שוואַרצע הענט, די ברוינע הענט, די ווייסע,
צעקרימטע און צעדרייטע הענט פון זקנים,
און הענט פון אַלטע ווייבער און פון יונגע ווייבער,
און גלאַטע הענט פון ייִנגלעך און פון מיידלעך,
אַרונטער ביז די קליינע הענטלעך פון אַ קינד,

ניט עלטער פון אַ צוויי־דריי יאָר. דער טשאַד און רויך
פון קליינע נידעריקע אויוועלעך אויף קוילן,
וואו ווייבער פּאַטשן־אויס די קוקורוז־פּלעצלעך
און באַקן זיי אין אייל אויפן פאַרשוואַרצטן בלעך.
אַן עופה׳לע, אַ בראַנדזן־קינד, אַ פּיצלס,
וואָס ליגט אַ שווייגנדיקס אויף דער ראַגאָזשע
ביים זייט פון אויוועלע, ביים טראָטואַר,
מיט אויגן אָפענע צום שטוביק־רויטן הימל.
(אָ, אויגן פון אַ קליין אינדיאַנער קינד
דורכויס פון מאַטע שוואַרצאַפּלען, ווי וואונדן,
וואָס שפּירן שוין די גאַנצע האַרטקייט פון דער וועלט,
און זייער גליווערדיק און אומבאַוועגלעך בליק
אַן מינדסטן אויפבליץ, אַן דעם קלענסטן שמייכל!)
אַ טשאַטע גאַסנמיידלעך, שטאַרק צעפּלאָשעט,
ווי הינער פאַר אַ שטורעם, וואָס צעלויפן זיך
מיט שנעלן פּייקלען פון די קנאַפּל אַן אַספאַלט,
מיט שאָרכעניש פון קליידלעך און מיט קלינגלעניש
פון אָרעמבענדער, אוירינגען און קייטלעך —
געטריבן פון דעם האַרטן דראָענדיקן קוק
פון שטרענגן פּאָליציאַנט. און יינגלעך — סוחרים,
וואָס טרייבן זייער מסחר אין דער שפּעטער שעה,
פאַרשטעלן דיר דעם וועג און פאָכען פאַר די אויגן
מיט בויגנס מיט קאָלירטע לאָטעריי־צעטלען,
וואָס זאָגן גליק צו; און גרופּעס קינדער
האַלב נאַקעטע און באָרוועסע, ווי בלודנע הינט,
וואָס רייסן די פּלאַקאַטן פון געמאַכן,
כדי מיט דעם זיך צוצודעקן, זיך צו שיצן
אין ערגעץ וואו אַן אָפּגעלעגטן ווינקל.

דאָס אַלץ און מער. און איבער דעם קאָשמאַר
פון טומל און געגרילץ און טשאַדנע ריחות
שנײַדט זיך אַרײַן דאָס קלינגען פון די גלעקער
פון נאָענטן שכנות׳דיקן קאַטעדראַל,
וואָס רופט דעם עולם צו דער מיטנאַכט־תפילה —
די קלאַנגען פאַלן שווער, מאַסיוו און נאָכאַנאַנדיק,
באַצווינגען אַלץ און דעקן אַלץ אַריבער.

אַ טרויער פליגל פאַכט איבער דער לאַנדשאַפט
און שלעפּט זיך איבער חורבות פון קאָנווענטן —
איך וואַנדער דורך דעם לאַבירינט פון קעליעס
פון חרוב׳ן קאָנווענט פון סאַן־אַנכעל,
און יאָרנהונדערטער פון קנאת־דת און צוואַנג
און בלוט און פײַער קוקן פון די ווענט אַרונטער
פון די געמאָלטע פּנימ׳ער אין אייל־פאַרבן
פון די אַמאָליקע באַוואוינער פון די קעליעס —
געמאָלן אין דער שוואַרצער שטרענגער טראַכט
מיט ווײַסע און געצאַקטע קאָלנערס אַרום העלדזער;
די גלאַט־ראַזירטע פּנימ׳ער — אַסקעטיש,
די אויגן — מילדע, שטילע און פאַרגיביקע —
נאָר אויב דו ווילסט דערגיין דעם סוד: פונוואַנען
די האַרבע גרויזאַמקייט פון צוואַנג און פײַער,
צו שטיין איבערן בלוט פון זייער קרבן
און אויפנעמען אין זיך זײַן ווײ און לײַדן
אין אויפשוידער און אויפצאַפּל פון זײַנע גלידער —
דאַן מוז דײַן בליק זיך אויפהאַלטן אַ ביסל לענגער
אויף זייער שניט פון מויל: אין דינער שאַרפער שטריך,
פאַרקרעמפּט, פאַרפּרעסט, ווי אויסגעהאַקט פון שטיין

וואָס לאָזט ניט צו קיין שאָטן פון קיין שמייכל,
ווי ס׳האָט דאָס מאַלערישע אויג דאָס אויפגעכאַפּט
מיט דורות־לאַנג צוריק. די לופט פון מיטלאַלטער
איז שטיין געבליבן אין דער גרויסער חורבה,
אין סטיל אין מורישן, פון ציגל און גראַניט,
מיט די מאָזאַאיקס פון אַזור און גאָלד;
וואו אַלע פענצטער קערן זיך צום גרויסן הויף
אין פאָרעם פון אַ לאַנגגן טיפן חית;
און אין נאָכמיטאָקדיקן ווייכן ליכט
טוט שטיל די צייט איר אַרבעט: זי באַגראָזט די ערד,
דעקט צו אַ וואַנט אַ וואונדיקע מיט קלעטער־רויזן
און גרינט און וויסט די שווערע וואַסער־ליליעס
אין שימלדיקער גרינקייט פון באַסיין,
וואָס ליגט אין מיטן הויף; און פייגל צוויטשערן
און פלוידערן אַרונטער פון די אַלטע ביימער
און גרינע שפרינגער הוידען זיך אויף גראָזן.

איך בין געווען אין דעם באַרימטן קלויסטער
פון מוטער דאָלאָראָזאַ פון דער גוואַדאַלופּע,
די מאַמע פון דער הילף דער אייביקער פון לאַנד
פון אַלע ליידנדיקע. ס׳האָט דער מאַלער,
וואָס האָט דאָס בילד געמאָלן פאַר דער אייביקייט
אַריינגעאָטעמט אין געמעל אַזויפיל טרויער
און איבערמענטשלעך צער, מיט אַ צוק פון פענדזל
אין ווינקלען פון די אויגן, זיי געגעבן טיפקייט,
ווי לעבעדיקע טרערן וואָלטן דאָרט געשימערט.
דאָס פּנים לענגלעך, יונג און שטראַלנדיק,
און די פיגור אין פולער שלאַנקער הויך,

דראַפּירט אין וואַרעמען און ווייכן פּורפּור.
נאָר אין דער זעלבער צייט, האָט אויך דער קינסטלער
אַריינגעטאָן אין איר אַזויפיל ווייבלעכקייט
און רייץ און אַלע ערדישע גלוסטונגען
אין יעדן קנייטש און בויג פון גוף און פּנים —
אַז כ׳הויב אָן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס אין מיטלאַלטער,
ווען ס׳האָט אַ ייד געקוקט בלויז אויף אַ בילד אַזאַ,
איז טויט געווען זיין שטראָף, פאַר חילול־קודש.
זי שטראַלט פון וואַנט אַראָפּ אין דער מאַסיווער ראַם
פון שווערן גאָלד און דאָמינירט די קירך
מיט אירע מירמלנע סטאַטועז און געמעלן
פון דיל ביז צו דער טיפער און געוועלבטער סטעליע.
(אַפילו ער, דער זון, איז פאַרטושירט אַ ביסל
אין דער־אָ קירך. ער ליגט אויף ד׳רערד, אַ מאַניקען,
אין שוואַרצן אָנטועכץ, מיטן ברוין בערדל,
פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק, אַן אָרעמער אַזאַ,
און קוקט מיט אויגן גלעזערנע צום עולם).
די שיין פון מיטנטאָג דורך פענצטער גאָטישע,
געמאָלט אין טיפן בלוי, שטראָמט אָפּגעקילט,
און וואַרפט אַ בלוילעך, אַ ניט־ערדיש ליכט
אויף ווענט און אויף סקולפּטורן און געמעלעכצן
און אויף די בערג פון פרישע גלאַדיאָלאָס
וואָס בלאַנקען, גרין און ווייס אויפן אַלטאַר.
און אונטער אירע פיס — די ברענענדיקע ליכט,
אַ ים פון ליכט — אַ לאַנגע מענטשנקייט,
איינס נאָכן צווייטן שאַרט זיך אויף די קניען,
מיט ברענענדיקע ליכט אין הענט, דערגרייכט
צום ברייטן פּעדעסטאַל פון מירמלשטיין

און שטעלט זיין ליכט, פאַלט מיטן פּנים צו דער ערד,
און קלאַפּט זיך מיטן שטערן אָן גראַניט,
און צלמ׳ט זיך עקסטאַטיש, פיבערדיק,
און ציט זיך אויף צוריק. סאַראַ פּראָצעסיע
פון פּנימ׳ער, פיגורן און קאָלירן —
די אויסגעצאַכליעטע און צאַרטע פּנימ׳ער
פון בלאַסע שפּאַניערינס, געקליידט אין זיידנס,
וואָס ס׳ציט פון זיי אַ דינער ריח פון פּאַרפומען
מיט אויסגעהאַפּטע אַלטע שפּיצן אויף די קעפּ;
און פּנימ׳ער פון עבאַני און בראָנדז און קופּער
אויף וועלכע ס׳האָבן מדבר־זון און הייסע ווינטן
אַרײַנגעשריבן זייער שריפט און אײַנגעבראַנט,
געקאַרבט אין נעצן היראָגליפן־קנייטשן,
געמאָגערט זיי, געשווילט זיי און געבראָכן
און זיי געבראַכט אַהער אין שוואַרצע שמאַטעס,
מיט שווערע טיכער שטויביקע איבער די קעפּ,
נאָך טרייסט צו איר, דער שטראַלנדיקער געטין.
און מאַנסלייט: יונגע, מיטליעריקע און אַלטע,
ביז קליינע קינדער אָנגעטאָן אין שוואַרצן,
און אויך מיט ליכט אין הענט, און אויף די קניען.

אַצינדערט ערשט, אין אָוונט פון מיין לעבן,
באַטרעטנדיק דעם שוועל פון פרעמדן גאָט
מיט גאָר זיין פּראַכט און מיסטישער פאַרשלייערטקייט —
באַנעמט דער ייד אין מיר די קלאָרע קלוגשאַפט,
וואָס ליגט אין צווייטער דיברה פון באַרג סיני:
„דו זאָלסט ניט מאַכן זיך קיין שניצונג און געמעל,
„צו זיי ניט דינען און ניט בוקן זיך צו זיי״.

דער גאָט פון חורב און פון סיני האָט קיין גוף ניט —
ער האָט איינמאָל באַוויזן זיך צו משה׳ן
אין פייער פון דעם דאָרנבוש געברענט —
האָט משה פאַרכט געהאַט אויף דעם צו קוקן
און האָט פאַרשטעלט זיין פּנים מיט די הענט.
און שפּעטער מיט אַ צייט, ווען ער האָט זיך געבעטן:
„באַווייז דיין פּנים מיר" — געקומען איז דער ענטפער:
„דער מענטש קען מיך ניט זען און בלייבן לעבן".
יחזקאל — פאַר זיין זעאונג אויפן טייך פון כבר —
האָט נאָך אין האַר פאַרשפּילט זיין אייביקייט
צוליב דער שילדערונג פון דער מרכבה.
די בעלי־מדרש און אַגדה האָבן געזאָגט:
„ניטאָ קיין אָרט קיין ליידיקס אויף דער ערד,
„וואו ס׳איז די שכינה ניט פאַראַן". און ס׳האָט דער רמב״ם,
אין וועמעס ליכט מיר גייען נאָך ביז היינט,
אין זיינע דרייצן עיקרים פון אמונה,
וואָס יידן זאָגן יעדן אינדערפרי נאָך שחרית —
די צווייטע דיברה פאָרמולירט פּרעציז און קלאָר,
וואָס קלאָרער קען ניט זיין, אין פאָלגנדיקע זאַצן:
„איך גלויב באמונה שלימה, אַז דער בורא,
„געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען, איז קיין גוף ניט,
„און אַלע קערפּערלעכע אַטריבוטן
„זיינען לגבי אים ניט גילטיק,
„און ער האָט כלל צו זיך קיין גלייכן ניט".
און דאָ — און הונדערטפאַכיק מער אין קאַטעדראַל —
פאַרקערפּערונג פון גאָט אין שטיין און מירמל
און מאַלערייען אויף די שאָטנדיקע ווענט.
דער מאַן פון גליל — אויב עס איז געווען אַזאַ —

אין אַלע פּאַזעס פון זיין קורצער עקזיסטענץ.
נאָך מער פון אַלץ גייט דורך דאָרט דער מאָטיוו
פון קרייציקונג און אויפשטייג צונעם הימל:
אַ לאַנגע דריקנדיקע בילדער־גאַלערייע
פון מאַן וואָס גייט געבויגן אונטערן צלם
אין לעצטן גאַנג; אַ צוגענאָגלטער צום האָלץ,
דער דערנער־קראַנץ וואָס טריפט מיט טראָפּנס בלוט,
מיט בלוטנדיקע לעכער אין די הענט און פיס.
און איבער דעם — די פולע כליפּנדיקע כוואַליע
פון איין גוס קלאַנג, פון אַלע רערן פונעם אָרגל,
וואָס קלאַפּט זיך אָן די שווערע סומנע ווענט,
און אָן דער טיפער און געוועלבטער סטעליע
און טרייסלט אויף דעם חלל פון דעם גרויסן הויז
ביז זיינע פונדאַמענטן. פייער־פאַנען,
וואָס וואַרפן ווייראיך־רויך איבערן אַלטאַר,
און גרופּן פון גלחים אין דער תפילה
אין ווייסע, גאָלד־געהאַפטע, קורצע קיטלען,
איבער די שוואַרצע בגדים — אַ מין אפוד —
און דער מעטאַל־קלאַנג פון די קורצע פסוקים
אין אַלטער שפּראַך אין דער געהאַמערטער, אין רוימיש,
מיטן רעפרעין: „אַ דאָמינע, אַ דאָמינע!"
איין רגע, ווען כ'פאַרמאַך די אויגן, דוכט מיר,
דאָס הער איך יידישס, אייגנס, פון די אַלטע דורות,
דאָס דוכנ'ען פון כוהנים ביי דער עבודה,
געוויין פון תהלים־זאָגער אין די אַלטע שולן —
נאָר עפן איך די אויגן ווידער אויף,
און זע די מירמלנע סטאַטועז אין די נישעס,
די בילדער אויף די ווענט מיט בלוט און וואונדן,

נעמט דוכטן מיר, כ׳געפֿין זיך ביי אַ געטער־דינסט
אין טעמפּל אין אַ גריכישן פֿון דעם אַדאָניס.
דער שווערער איבלדיקער ווייררויך־רויך
שמעקט מיט אַן אונטערערדישן גערוך פֿון שימל
פֿאַלט אויפֿן האַרץ און דריקט אויף די געהירן.
דו איילסט צוריק פֿון טונקלניש אַרויס,
צו זון און ליכט, צום טומל פֿון דער גאַס
צוריק אין פֿרישער גאָטגעבענטשטער לופֿט
אונטער דעם פֿריידיקן און קלאָרן הימל.

און איך געדענק אַ וויטן אָפּגערוקטן טאָג
אין ליכטיקן פֿרימאָרגן פֿון מיין לעבן —
אַ זומערטאָג פֿון לויטער זון און בלוי,
וואָס בלויז אַ קינד מיט זיינע פֿרישע אויגן
און אַלע זיינע לעכצנדיקע חושים
קען אומבאַוואוסטזיניק פֿאַר אים אַליין
דאָס אויפֿנעמען מיט אַלע רמ״ח אברים
אין פֿולער פֿולקייט און אין ערשטער פֿרישקייט.
דאָס אויג איז שאַרף, פֿאַרשלינגט די מינדסטע רעגונג
פֿון בלוי און גאָלד, פֿון ליכט־און־שאָטן שפּיל;
דעם נאָענטן שטח מיט די בליאַסקענדיקע זאַמדן,
וואו איטלעך קערנדל פֿון זאַמד איז בולט,
שלאָגט־אָפּ מיט דינע שטראַלעכלעך, ווי בליצלעך;
דאָס ביסל גרינס פֿון גערטל לעבן הויז
אין גאָר זיינע שאַטירונגען פֿון גרין;
די קריכנדיקע קליינע בריאים אויף דער ערד
און אין דער לופֿט — די פֿיינקאָלירטע פֿלאַטערלעך
און שיסנדיקער פֿלי פֿון ברוינע שוואַלבן

און דאָס געזשום און שמוצער און געפּידל
פון גריל און היישעריק אין גראָז אַרום
קלאַפּט אָן זיך אָן דעם פּויק פון יונגן אויער,
אין פולער שאַרפקייט, ציט ווי דורך אַ מייערקאָפּ,
וויברירט און קלינגט. אַ זומערטאָג פון גאָט,
ווי ס׳גיט זיך איין אַמאָל אַ טאָג אין ליטע,
אַ פולער ווי אַ בעכער, ווי אַ גאָלדנס,
מיט שמעקעדיקן וויין. (אַוודאי האָט געמוזט
ראש־חודש אויספאַלן אין יענעם טאָג,
אַ ניט — ווי קום איך אין אַ מיטן מיטוואָך
אין פרייען דרויסן?) און אין דער־אַ ליכטיקייט
באַווייזט זיך פלוצים דאָס געשטאַלט פון טאַטן —
אַ שלאַנקער, גראַדער, אין זיין שטילן גאַנג
אין שבת׳דיקער לייכט־אַלפּאַגענער קאַפּאָטע,
די זויבער־ווייסע שפּיצן פונעם העמד קאָלנער
איבער די קלאַפּעס פונעם ראָק. די שוואַרצע באָרד
מיט זילבער־פעדעם דורכגענומען דאָ און דאָרט,
די ברוינע גוטע אויגן לויכטן אויפגעלייגט —
וואו קלייבט זיך דאָס דער טאַטע גיין אַצינד?
איך וואַרף אַוועק אַלע געשעפטן מיינע
און לאָז זיך מיט אים מיטגיין; נאָר דער טאַטע
און ניט צופרידן מיט זיין באַרוועסן באַגלייטער
און זוכט מיך אָפּריידן מיט גאָר אַ סך תירוצים.
און דאָ קומט מיר צוהילף דער מאַמע׳ס קול
פון פענצטער פון דער שטוב אַרויס: „וואָס אַרט דיך,
„ס׳וועט זיין דיר פריילעכער צו גיין דעם וועג,
„און זאָל ער טאַקע געבן אים זיין ברכה“.
(פון אירע רייד באַנעם איך, וואו דער טאַטע גייט,

דאָס גייט ער אויף באַזוך צום אַלטן קאָוונער רב,
ר׳ יצחק אלחנן, וואָס פאַרברענגט דעם זומער
אין גאָנטן וואַלד, אַ דריי־פיר ווייאָרסט פון דאַנען;
און דאָס פאַרשאַרפט נאָך מערער מיין באַגער
מיטן טאַטן מיטצוגיין). דער טאַטע קוקט מיך אָן,
און מעסט מיך אָפּ פון קאָפּ ביז צו די פיס,
איז מסכים סוף־כל־סוף מיך מיטצונעמען,
נאָר מיטן תנאי: כ׳זאָל פריער גוט זיך אָפּוואַשן
דאָס פנים מיט די הענט און אָנטאָן שטיוועלעך.

אַ לאַנגע אייביקייט איז דורכן קורצן משך
פון יענעם טאָג ביז היינט אַדורכגעגאַנגען —
האָט גלייכגילטיק פאַרמעקט און אָפּגעווישט
דאָס לעבן פון אַ פאָלק אַ גאַנצס אויף יענער ערד,
צעטראָטן אַלץ און ניט דערבאַרעמט, ניט געשוינט,
און נאָכגעלאָזט נאָך זיך די גרויסע פוסטקייט —
און איך, דאָס יונגע יינגל פון דעם ווייטן טאָג,
בין אַלט און מיד, געבראָכן פונעם לעבן,
און שטיי איבער דעם בלוטיק־שוואַרצן תהום
פון חורבן און פאַרלענדונג. נאָר דאָס גרויסע ליכט
פון יענעם טאָג אין זיין נאָכמיטאָקדיקער שעה —
גייט אויף מיט גאָר זיין פרישקייט און זיין ערשטקייט,
ווי דעמאָלט, אין זיין ווירקלעכקייט און וואָר.
איך זע דעם דורות׳דיקן אַלטן וואַלד,
און דאָס — אין אַלע זיינע פאַרבן און קאָלירן,
פון זיינע ריזיק־הויכע אַלטע סאָסנעס
אין ליכט־און־שאָטן פון געדעמפטן זונשיין;
די דיקע קאָמבלען מיט דער ברוינצעקאַרבטער קאָרע

און העכער פונעם מיטן — דינער, בויגיקער,
אין ראָזיקן קאָליר, מיט זינגעוודיקע צווייגן,
וואָס פּעכערן ביים אויפריר פון אַ ווינטל;
די ווייכע דעק פון מאָך אונטער די פיס
מיטן פאַרברוינטן נאָדלפאַל פון לאַנגע יאָרן,
און שאַרפער שטראָם פון די באַרוישנדיקע ריחות:
דער ריח פון די שווערע געלע טראָפּנס פּעך
און דעמפער ריח ערדישער פון שוועמלעך,
פון פאָזימקע דער רויטער, דער פאַרשפּעטיקטער,
און פון די פייכטקייטן פון בלויער יאַגדע.
און דורכן אויער גייט געזשום און קלאַנג
פון וואַלדיקן געווימל אין זיין שאַפן —
מיריאַדן ברואים, קלענערע און גרעסערע
אַנטפּלעקטע פאַרן אויג, ווי די פאַרבאָרגענע,
פון די מוראַשניקעס צווישן פאַפּאָראָטניק,
ווי פון די גרויע ווערעוועקעס אין צווייגן
און שרעקעוודיקע האָזן אין דעם אונטערגרונט;
פון שווערער בין דער גאָלדיקער אין אַרבעט
ביז צו דעם האָלצפּיקער אין שפּיצן פון אַ בוים,
וואָס פּיקט און שלאָגט אין האָלץ, ווי מיט אַ העקל,
און ביזקל הילכיקן געשריי פון שוואַרצע ראָבן.
און אָט — אין שאַרפן אויסבויג פונעם וואַלדשטעג
בליצט אויף דער נעמאַן־טייך אין גאָר זיין בלויקייט,
אַ גאָלדיקער אין פולן זונליכט, אַ צעשטראַלטער,
מיט קורצע שאַרפע אויפבליצן פון שימער;
דאָס קליינע שיפל טאַנצט איבערן וואַסער,
און אָט איז דער אַנטקעגנדיקער ברעג
און מיטן פרישגעקאַלכטן שטיבל אויפן בערגל

אין נייעם גרין און ליכט.

## דער קאָוונער רב

איז שוין געווען דאָן אין זיין הויכער עלטער,
זיין שטאַלטנע פולבלעכע פיגור עטוואָס געבויגן —
ער איז אַרויסגעקומען פון דער וואַלד־שטוב,
געבליבן שטיין אַ רגע אין דער טיר,
זיך אָנגעלענט אָן לייסט מיט דער מזוזה,
און ס׳האָט דאָס גרינע שאָטנדיקע דרויסן,
ווי אויפגעלויכטן פון זיין בלאַנקער ווייסקייט;
געקליידט אין טיפן שוואַרץ, וואָס האָט נאָך בולט׳ער,
נאָך שאַרפער, קענטיקער, אַרויסגעבראַכט
די איידעלע און ריינע זילבער־ווייסקייט
פון פיינעם לייבנקאָפּ מיט לאָקן לענגלעכע
איבער דעם עטוואָס שווערן רונדן נאַקן,
און פון דער שיינער לאַנגער באָרד. די אָדלער־נאָז
כאַראַקטעריסטיש שאַרף, מיט איר האָרבינקע,
די גרויסע בלויע אויגן קלאָר, ווי ביי אַ קינד,
פאַרצויגן מיטן טוי פון טרויער. (אָ די אויגן,
וואָס אַלע צרות יידישע פון גאַנצן כלל,
פון גרויסער ברייטער רוסישער אימפעריע,
זיינען פאַר זיי געקומען און נאָך הילף געשריען —
די אויגן וועלכע האָבן זיך באַגעגנט
מיט די פאַראַכטנדיקע קאַלטע בליקן
פון זיי, די לעצטע מלכים פון ראָמאַנאָוו׳ס הויז).
און ס׳איז געווען, ווי ס׳וואָלט דאָס שטילע ווינקל,
דער פראָסטער טיש מיט ספרים אויפן הויף,
דער פליסנדיקער וואַסער־פאַס פון אונטן,

און ווייסע שטילע וואָלקנדלעך פון אויבן —
געווען ניט מערער ווי אַ ראַם פאַר זיין געשטאַלט,
פאַר אָט דער הערלעכער געשטאַלט פון אַלטן גאון —
ווי איינער פון די זקנים־שופטים פון אַמאָל
מיט שטאָלץ און חשיבות, מיט עשקנות׳דיקן גלויבן
אין אייביקייט פון פאָלק.

ער האָט אַראָפּגעקרעכצט
די צוויי־דריי טרעפּלעך פונעם ווייסן גאַניק
פּאַמעלעך, שווער זיך אָנגעלענט אָן זיין משמש,
דעם אַלטן ר׳ כתריאל. שטיל, מיט זאַכטע טריט
איבערן ווייכן גראָז, פאַרויסגעקומען
באַגעגענען זיין גאַסט. אַ וואַרעם שמייכל
האָט אויפגעלויכטן אויפן בלאַסן פּנים,
אַן איידל־ווייסע ציטערדיקע האַנט
האָט אויפגעבלאַנקט פון שוואַרצן ברייטן אַרבל:
„שלום־עליכם איך ר׳ אייזל, אַ גאַסט, אַ גאַסט!״
„עליכם־שלום, קאָוונער רב! וואָס מאַכט דער רבי?״
דער טאַטע בלייבט אויף זיינע פיס, ביז ר׳ כתריאל
באַזעצט דעם אַלטן רב אין צווייגעדיקן לענשטול
בראש פון טיש. „נו, זעצט זיך, זיצט, ר׳ אייזל,
„וואָס הערט זיך גוטס?״ — און ס׳גייט אַוועק אַ שמועס,
און באַלד דערויף צעעפענען זיך די ספרים
וואָס אויפן טיש; די בלאַסע פינגער בלעטערן,
די בלעטער — שאַרך און שאַרך אין שטילער גרינקייט.
די בלויע אַלטע אויגן ווערן אויפגעלעבט,
דער שמש ר׳ כתריאל פאַדיעט אום,
די יונגע ברוינע אויגן ווערן אויפגעבליצט,

פאַרשווינדט מיט פלינקע טריט אין הינטערהויף
און קומט צוריק באַלד מיט אַ קוישל עפּל.
(ער האָט דאָס רשעות געבן מיר אַן עפּל
און מאַכן זאָגן מיר די ברכה אויפן קול —
ווי אויף להכעיס ווערט דער טיש אַנטשוויגן
און הערט זיך צו אין שטילקייט צו דער ברכה
און ענטפערט רואיק און געלאַסן: אָמן).
אַצינד נעמט ער זיך אָפּראַמען דעם טיש
פון צופיל ספרים, לויפט אין שטוב אַריין
און קומט צוריק מיט אַ קאָלירטן טישטוך,
און שפּרייט עס אויפן טיש, אַ רגע שפּעטער —
און ס'ברענגט די באַלעבאָסטע פונעם הויף,
מיטן געבלימטן רויטן טיכל אויפן קאָפּ,
דעם זידנדיקן זינגעוודיקן סאַמאָוואַר.
ערשט איצט ווערט ר' כתריאל שטאַרק פאַרנומען:
פאַרבריט מיט טיי דעם טשייניק, וואַרט אַ ביסל,
צעגיסט דעם טיי אין פינקלדיקע גלעזער
וואָס רויטלען זיך אין אײדעלן קאָליר
און מיניען זיך אין ליכט־און־שאָטן שפּיל.

אין יענער רגע,קוקנדיק פון וויטנס,
אויף דעם מזומן אידן אַרום טיש,
וואָס איז פאַרטאָן, פאַרטיפט אין דברי־תורה
אין גרינעם שטילן גאָט־געבענטשטן ווינקל,
פון בוים באַשירעמט און פון זון באַלויכטן —
האָב איך געזען פאַר זיך אין פולער שלימות
דאָס בילד פון אונטערשטן גן־עדן אויף דער ערד,
וואָס איך בין שוין געווען מיט אים באַקאַנט
פון די באַשרייבונגען אין מעשה־ביכלעך.

# אינהאַלט

ליטע ..... 7
אַ שטורעם אין וואַלד ..... 8
אַ חנוכה־אידיליע ..... 10
אַ קרעטשמע ..... 12
פאַרנאַכט ..... 14
קינדהייט ..... 15
אין וואַלד ..... 16
אין אַ ווינטער־נאַכט ..... 18
אַ רב ..... 19
אַ ירושה ..... 21
צעשיידונג ..... 22
אָקטאָבער ..... 24
אַ ניו־יאָרקער פאַרנאַכט ..... 25
אַ בית־עולם אויף טשעטהעם סקוועד ..... 27
קינדער ..... 29
זונטיק איז היינט ..... 30
אַ רעטעניש ..... 32
ס'ווערן ניט קיין שבת־ליכטלעך ..... 33
נאַכט ..... 34
אָוונטשיין ..... 36
אַ מענטש ..... 37
דורך אַ פענצטער ..... 38
מאָריס ראָזענפעלד אין פאַרק ..... 39
סוף זומער ..... 41
אַ שטילע פרייד ..... 42
פּייזאַזשן ..... 43
פון עמוס ..... 45
דמשק, צור און צידון און לבנון ..... 49
Mammoth Cave ..... 52
תפילות ..... 56
מאָטיוון פון תהלים ..... 58
מיטן אָוונט ..... 60

אין עפּלפעלד ........ 62
אָוונט ........ 64
ליב איך די ערד ........ 65
מדבר קאַליפאָרניע ........ 66
דער מזבח אין זונפאַרגאַנג ........ 67
אַ קליינע מאַמע ........ 69
איבער פּאָ׳ס מאַנוסקריפּט „אַנאַבעל לי״ ........ 70
אַ לבנה־נאַכט אין די בערג ........ 72
אַ מיראַזש ........ 74
אויגן ........ 75
שבת־קודש ........ 76
מזרח ........ 77
אַ תפילה ........ 78
רות און נעמי ........ 79
רות אין בית־לחם ........ 80
פון טיפעניש ........ 81
אַקאַציעס אין בלוי ........ 84
צום אָנדענק פון ד. ס. ........ 85
ווינטער ........ 86
אַ דאַנק ........ 90
אַ שטילער טאָג ........ 91
אַ זומער אין די קעטסקיל־בערג ........ 95
קליינע לידער ........ 101
דער קרוג ........ 105
מיטזומער ........ 106
אין וועג ........ 111
דאָס ליד פון אָפּגעבליטן דור ........ 112
די לאַסט פון ירושה ........ 116
ניי־ענגלאַנד אין ווייסן ........ 117
∴ ........ 118
דוד און נתן ........ 119
טיטוס און רינדפלייש ........ 120
ר׳ נחמן בראַצלאַווער ........ 121
ר׳ משה חיים לוצאַטו אין טבריה ........ 123
די באַלאַדע פון דאָן־יצחק ........ 127
דער אבן־עזרא אויף אַ רייכער חתונה אין לאָנדאָן ........ 129
די עלעגיע פון אויסגעהאַקטן עפּל־גאָרטן ........ 133
אין מדבר פון די לייבן ........ 135

די שפּאַניערין .......................................... 139
די ספר־תורה אויפן ברעג פון סאַנטאָ־דאָמינגאָ.................... 140
פּופּציק ספרי־תורה .......................................... 142
אַ ליד צו ישראל.......................................... 144
ווען איוב איז אויפגעריכט געוואָרן.......................... 146
אידיש־אַמעריקע :
א. אַ דועט .......................................... 156
ב. די נעמען פון יעקב׳ס קינדער.......................... 159
ג. אַן עקזאַמען .......................................... 162
ד. נחום־עבלים .......................................... 166
ה. אַ מאָנאָלאָג פון אַ אידן.......................... 171
אַ ספּעקטאַקל .......................................... 175
פעלקער און זייערע געטער.......................... 178